STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10687

ZSHAN UN MADLENE

Octave Mirbeau

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אָקטאַוו מירבאָ.

זשאַן און מאַדלענע

(פאַבריקאַנט אַרגאַנד).

אַ דראַמאַ פון אַרבייטער לעבען אין 5 אַקטען.

איבערזעצט דורך * * *

פערלאַג „פראָגרעס" ווארשא.

תרס״ח.—908

№ 85 פרייז 30 קאפ.

О. Мирбо.

ЖАНЪ и МАДЛЕНА.

Изданіе „Прогрессъ." Варшава. 1908 г.

Тип. Г. Пиментъ и Й. Шваба, Варшава Сѣраковская 4.

די פערזאָנען:

לואי טיער.	איין אלטער ארבייטער.
מאדלענע.	זיין טאָכטער.
זשאן רול.	איין יונגער ארבייטער.
ארגאנד.	איין בעל-הבית פון איין גרויסע פאבריק.
ראָבערט.	זיין זוהן.
זשענעוויעווע.	זיין טאָכטער.
מעגרע.	דער פערוואלטער איבער ארגאנד'ס פאבריק.
קאפראן. דיוארמעל. דעלאטרוד. פיליפ אורטא.	פאבריקאנטען
יוסף באָרד. זעפערין בורי. רענא. פיעל פיינארד. זשול פאקא פראנציסק גוזש. פיער אנסאם.	ארבייטער
קאטיאר.	איין אלטע פרוי.
מאריאנע רענא.	איין ארבייטערס א פרוי.

איין פאקאיאווע, איין בעדיענער, נייגיעריגע, טרעגער, פרויען, קינדער.

ערשטער אקט.

איין וואוינונג פון איין ארבייטער־פאמיליע אין איין פאבריצנע פטעדטיל. אין דער טיעף זעהט זיך איין טיר צווישען צוויי גרויטע פענסטער. פון די פענסטער זעהט זיך די פאבריק, איהרע קוימענס און די אומגעלומפערטע געביידעס אזוי ווי קאזארמעס. אויף רעכטס נעבען די טופערענע צוויי קינדערבעטלעך, אויף דער ערד איין סענניק; אויף לינקס איין טיר אין צווייטען צימער. אין מיטען נעהען ניט קיין גרויסען אויווען מיט איין געבויגענער רעהר, וואס געהט אריין אין וואנד, שטעהט א טיש, וואס איז פערוואליעט מיט וועש צום נייהען; דא און דארטען ווינען פערנאנדערגעשטעלט שטולען מיט צובראכענע ברעטלעך, איין געשיר־אלכהער... די דירה איז ארים.

ערשטע ערשיינונג.

מאדלענע און די קינדער.

די קינדער ליעגען אין די בעטלעך. בשעת מען הייבט אויף דעם פארהאנג, האלט מאדלענע ביים ענדיגען איינצולעגען שלאפען די קינדער. זי זינגט אונטער שטילערהייד און קושט זיי.

מאדלענע. אט אזוי, אט אזוי!... איהר זייט חכמים'לעך, טייערינקע ברעקעלעך, שלאפט... (אווילע שטעהט זי נאך איינגעבויגען איבער די בעטלעך. איין קעסעלע קאכט אויף'ן פייער. די די טיר אין דער טיעף, וואס קומט ארוים אין גאס איז אפען. אין דער ווייטענס זעהט זיך די פאבריק, וועלכער ווערט בין השמשות ביסלעכווייז בעלויכטען אויף דעם פון רויך שווארצען פאן פון הימעל. ארבייטער געהען פערביי דורך די שמאלע געסעלע, איינגעהויקערטע, פערמאטערטע... דער איגגעלע, וואס ליעגט אין בעסעל הויבט אן צו וויינען).

מאדלענע. מיין טייערער פאל, העד איף צו וויינען... שלאף איין! (דאס קינד ווערט ענטשוויגען. מאדלענע זעצט זיך צום טיש, נעבען אויווען, צינדט אן דעם לאמפ און הויבט אן צו נייהען. עפעס איין ארבייטער געהט דורך די געסעל מיט געזאנג. זיין געזאנג הערט זיך אלץ שוואכער און שוואכער, ביז וואנען עס ווערט נאר שטיל. א פאלקאמע שטילקייט. עס געהט אריין די אלטע קאשאר מיט א טעפעל אין האנד.)

צווייטע ערשיינונג.

מאדלענע׳ די אלטע קאטיאר

קאטיאר. אפשר קענט איהר מיר לייהען א ביסעל זופ, מאדלענע?

מאדלענע. איך קען גרייליך, באבינקע קאטיאר. היינט אין דער פריה האט מען אונז צוגעשיקט פון דעם ווירטה'ם הויז.

קאטיאר. פיר מיין זון... ער איז אקארשט געקומען א היים און עס ווארפט איהם אזוי אין היץ... עס ווארפט איהם אזוי אין היץ... ער זאל חס ושלום ניט קראנק ווערען... זאל גאט איינהיטען.

מאדלענע. וואס רעדט איהר, וואס רעדט איהר, באבינקע קאטיאר, ער וועט ניט קראנק ווערען. היץ-קראנקהייט איז דאך ביי אונז א שטענדיגער גאסט... דאן קלערט מען שוין ניט וועגען עסען... (זי שטעלט זיך, נעהמט ביי קאטיאר דעם טעפעל און גיסט אן ביזן העלפט מיט זופ). אט דאס קען איך אייך געבען.

קאטיאר. א דאנק, מאדלענע, (זי ווייזט אן אויף די מיר לינקס) נו, און וואס מאכט די מוטער?

מאדלענע. איהר איז ערגער... פיעל ערגער!

קאטיאר. גאר אזוי!... בערעכענט זיך מעהר ניט! אזא געזונדע פרויענצימער. איך האב איהר ניט איין מאל געזאגט, זי איז א גזלן אויף זיך אליין, וואס זי זיצט אב נאנצע נעכט איבער די גענייה.

מאדלענע. פערשטעהט זיך, אבער וואס האט זי געזאלט טהאן... עס איז געווען איין נויט...

קאטיאר. איהר, מאדלענע, דארפט זיך היטען. די לעצטע צייט זעהט איהר אויך א בלאסינקע. די געזיכט איז ביי אייך געווארען גאר קליין און איינגעדארט. אין אייערע יאהרען איז דאס ניט גוט, גאר ניט גוט.

מאדלענע. מען דארף דאך, באבינקע קאטיאר, מאכען דא אלץ צורעכט... מען דארף דאך פערדיענען אויף חיונה... איך בין אסך שטארקער, ווי עס דוכט זיך.

קאטיאר. (זעצט זיך נעבען מאדלענען און האלט דעם טאפ זופ אויף די קניע). נו, אט האט מען היינט אין דער פריה געטראגען רענא, מארעלין און לורדיע... דאס איז שוין געווים די טעכטער פון דעם אויסווארפס ארבייטער! ניט אנדערש, דאס איז ער.

מאדלענע. זיי זיינען דאך געווען גוטע ארבייטער!

קאַטיאַר. אמת, אָבער... (זי קוקט זיך אַרום מיט חשד אַרום זיך און רעדט מיט אַ ניעדריגערען קול). מען זאָגט, אַז זונ־טאָג, האָבען זיי זיך געריםט, אַז זיי האָבען געשטימט געגען דעם בעל־הבית. איהר פֿערשטעהט... זיי האָבען גענומען איין איבריגע גלעזעל בראַנפֿען... און דאָ ביי אונז, דאַרף מען שטענדיג האַלטען דעם צונג צווישען די ציינער... מען רעדט זיך עפּעס אַרוים אַזוי גלאַט, אָהן איין שלעכטען מיין... ערשט אין אַ שעה אַרום... מען האָט שוין אַלץ דערצעהלט דעם מעגרע און מען גיט שוין אין קראַגען. טאָמער איז נאָך ניט פֿערפֿולט די צרות, איז נאָך רענאָ'ס ווייב טראָגעדיג... דאָס זיעבעטע קינד, מיין לעבען! מען קען ניט זאָגען, זי איז אויך אַ גוטע משוגע'נע. איך גלויב דאָך ניט, אַז דער בעל־הבית זאָל וויסען וועגען אַלץ, וואָס דאָ טהוט זיך אָפּ. דער הערר אָרגאַנר איז אפילו אַ האַרטער מענש, אָבער מיט יושר... און צוליעב מעגרע האָט מען איהם ניט האַלט...

מאַדלענע. ניין... ניין... דאָס איז אַזוי!

קאַטיאַר. ווי אונזער בעל־הבית'טע איז געשטאָרבען, איז געוואָרען אַלץ ערגער און ערגער. יע מיר האָבען אַפֿולע נאָך איהר טוידט פֿערלאָרען. די נאַרישע קאָקעטקע זשענעוויעווע וועט איהר ניט פֿערבייטען. אָט הערט, מאַדלענע, איך בין היינט אין דער פֿריה געוועזן ביי דעם בעל־הבית אין הויז.

מאַדלענע. איהר זייט געוועזן?

קאַטיאַר. יע, איך בין געוועזן. איצטער מאָלט מיר די פֿריילין זשענעוויעווע, ווי זי האָט פֿריהער געמאָלט אייער מו־טער. זי טוט מיר אָן אויפֿן קאָפּ עפּעס אַ רויטע, הייסט מיר צובינדען אַ פֿאַרטעך מיט בלויע פּאַסיקלעך, וויקעלט מיר אַרום אַרום האַלז אַ געלע טיכעל און צו די פֿים שטעלט זי מיר אַ קאָרב מיט אַפּעלסינען... וואָס זי קען נאָר אויסקלעהרען... היינט וואָלט איהר געזעהן! איהר צימער, איהר מאַסטערסקאַיע. אַ גרויסע און וואָס נאָר איז דאָרטען ניט אָנגעשטעלט. אַפֿולע זאַכען... שפּיעג־לען, אַלמערס, טייערע דיוואַנעס, אַלץ איז דאָ גענוג... היינט ווייסט איהר וואָס זי זאָגט? זי זאָגט, אַז איך בין שענער פֿאַר אייער מו־טער... אַז ביי מיר... ווי האָט זי דאָס געזאָגט... יע, אַז ביי מיר... איז די געזיכט, ווי פֿון העלפֿאַנדביין. גאָר אַזוי! אויף מיינע נאמנות... און האָט מיר געגעבען צוויי פֿראַנק... אייער מוטער פֿלעגט זי אויך געבען אַזוי פֿיעל?

מאַדלענע. יע, באָבינקע.

קאַטיאַר. דאָס איז אַפֿילו ניט שלעכט... גאָר ניט שלעכט... פֿאַרט איז דאָס אַ קליינע שטיצע!... יע... (זי שטעלט זיך אָט

וואָס נאָך, איהר האָט שוין געהערט, אַז היינט אין דער פריה איז געקומען צופאָהרען פון פאַריז דע' הערר ראָבערט! ער איז מסתמא גוטפריינד געוואָרען מיט'ן פאטער!... א צייט מיט יאהרען איז ער שוין דאָ ניט געוועזן!...

מאַדלענע. יע, ניט ווייניגער, ווי פיער יאָהר.

קאַטיאר. פון דאַן אָן, ווען ס'איז געשטאָרבען די פרוי אַרגאַנד... א שעהנער יונג, מיין ליעבינקע, און אזא גוטער, אזא וואוילער, אזא איידעלער... פונקט די מוטער... מען זאָגט, אַז די פאַבריק וואָלט אַריבער געגאַנגען צו איהם, וואָלט ער איהר אַוועקגעגעבען די אַרבייטער... ווי קלערט איהר, האַ?

מאַדלענע. אָט וואָס מען רעדט.

קאַטיאר. טאַקע אמת... און דאָך איז הערר ראָבערט איין בעל יושר... ער פערדרייסט ניט דעם נאָז... און האָט האָלט דעם אַרבייטער. א, אָבער עס איז שוין גענוג... עס איז שוין צייט צו געהן. (ווייזט אָן אויף דעם טעפּל מיט זופּ). מאָרגען וועל איך אייך אָוועקגעבען... אַגוטען, מאַדלענע, זייט אַלע געזונד!

מאַדלענע. איך דאַנק אייך, באָבינקע קאַטיאר.

קאַטיאר. אויב עס וועט זיך ביי נאַכט עפּעס טרעפען זאָלט איהר, פערשטעהט איהר מיך, ניט שעמען. טהוט א רוף.

מאַדלענע. יע, יע... א גוטע נאַכט.

קאַטיאר. א גוטע נאַכט. (זי געהט אוועק. עס ווערט פינסטערער אויף'ן גאַס, עס ווייזען זיך די שאָטענס פון די אַרבייטער, וואָס געהען גיך אַריבער איבערן גאַס. די פאַבריק איז ווי זי וואָלט פלאַקערן אויף דעם טונקעלען הימעל. עס הערט זיך איהר שווערע הוישענען. מאַדלענע זיצט נאָך איינגעבויגען איבער די אַרבייט. עס קומט אַריין זשאַן רול.)

דריטע ערשיינונג.

זשאַן רול און מאַדלענע.

זשאַן רול. גוטען אָוענד.

מאַדלענע. גוטען אָוענד, הערר זשאַן.

זשאַן. דער פאָטער איז שוין אַוועק אויף'ן פאַבריק?

מאַדלענע. א, גיין, הערר זשאַן, דער פאָטער וועט היינט אָוענד גאָר ניט געהן אויף'ן פאַבריק (זי ווייזט אָן אויף דער טיר אויף לינקס). ער איז מיט די מוטער.

זשאַן. נו, וואָס הערט זיך?

מאַדלענע. עס איז שוין ניטאָ קיין האָפנונג.

זשאַן. דער דאָקטאָר איז געוועזען?

מאַדלענע. ער איז אָקאָרשט געוועזען. ער האָט איהר אַרויפגעלעגט די האַנד אויף'ן שטערען, האָט איהר געטאַפּט דעם פּולס און האָט געזאָגט: „דאָ קען מען שוין גאָר ניט העלפען" און איז אַוועק.. (זיי שווייגען) און מעהר וועט ער שוין ניט קומען. (זיי שווייגען) דוכט זיך, מען רופט?

זשאַן. ניין. (ער ווייזט אויף'ן גאַס) דאָרטען זינגט מען, אָדער מען וויינט... די קולות זיינען וויט, מען קען ניט פונאַנדער־קלייבען.

מאַדלענע. (הערט זיך צו) אמת... עס איז ניט ביי אונז (פון דעסטוועגען געהט זי צו צום טיר, וועלכע פיהרט אין אַנ־דערען צימער, עפענט איהר אויף שטילערהייד און קוקט זיך איין; זי קעהרט זיך אום צום טיש) די מוטער האָט, דאַכט זיך, איינגע־שלאָפען.. דער פאָטער האָט אויך איינגעשלאָפען (זי זעצט זיך און נעהמט זיך ווייטער צו דער אַרבייט) ער איז אַזוי פערמאַטערט! צוויי נעכט פערברייינגט ער שוין נעבען איהר בעט... נור היינט איז ער ניט געגאַנגען צו דער אַרבייט.

זשאַן. וואָס וועט זיין מיט אייך, מאַדלענע, איהר זייט אויך פערמאַטערט... איהר האָט זיך אויך געדאַרפט אויסשלאָפען... אָדער חאַטש זיך צו לעגען אַביסל אויף'ן סענניק.

מאַדלענע. איך האָב שוין אַזוי אויך פערשפּעטיגט מיט דער אַרבייט... און עס קומט נאָך אוים צולויפען אַ הער, אַהין... אַז די מוטער דאַרף עפּעס האָבען, איז דער פאָטער גאָר ווי אַקליין קינד... ער ווייס ניט פון דאַנען אַ הין... און איך אַרבייט אין דעם צימער, ווייל יעדער גערויש רעגט איהר אויף, מאַכט איהר אונרוהיג.

זשאַן. (געהט אַרום הין און צוריק איבער'ן צימער) אָרי־מע קלעמאַנס! (שווייגט) ביז וואַנען זי האָט זיך געהאַלטען אויף די פיס. האָט זי געאַרבייט אָהן אויפהער, אָהן אָפּרוה!... און האָט זיך אַנידערגעלעגט, ווען זי איז שוין געוועזען האַלב געשטאָרבען!.. (ער זעצט זיך אין ווינקעל) ווי אַלט איז זי געוועזען?

מאַדלענע. פיער און פיערציג יאָהר.

זשאַן. (פערביטערט) פיער און פיערציג יאָהר! אַזאַ אַלטע, צוקנייטשטע געזיכט, גראָהע האָהר... זי האָט אויסגעזעהען ווי פון זיעבציג יאָהר.... פיער און פיערציג יאָהר! ? (שווייגט) אַ פולע דערלעבען דאָ ניט צו די יאָהרען אייך!... מען אָטעמט דאָ מיט טוידט!... (עס הערען זיך די פייפען פון פאַבריק און איין פער־שטיקטער רעש). און זי איז דאָך געוועזען אַזאַ קרעפטיגע, שטאַרקע פרויענצימער!.. און איהר איז געוועזען אַזוי פיעל לעבען!

גאדלענע. און איהר איז געווען א פולע צער אויך.

זשאַן. דאָס איז איין זאַך.

מאדלענע. וואָס האָט זי גאָר ניט אריבערגעטראָגען!.. פיער, וואָס דער מאַשין האָט איהם צוקוועטשט. — אַזאַ שטאַר-קער, מוטהיגער אינגל!.. יוסף, וואָס איז געשטאָרבען פון טשאַכאָט-קע נײַנצעהן יאָהר אַלט. דאָס איז געווען פיר איהר דער לעצטער קלאַפּ...

זשאַן. יע, יע...

מאדלענע. עס פערדריסט מיר אַזוי, וואָס איהר האָט ניט געקענט מײַנע ברידער, הערר זשאַן!

זשאַן. יע, יע... אײַער מוטער איז אַ מאָל געווען אַ שעהנע?

מאַדלענע. איך ווייס ניט... איך געדיינק איהר אַלע מאָל אַזוי ווי איצטער... און ווי זי איז געווען מיט אַ יאָהר צו-ריק, ווען איהר האָט איהר צום ערשטען מאָל געזעהען... ווייל דער יאָהר און די קריינק האָט איהר דוכט זיך ווייניג אימ-געביטען.

זשאַן. זי האָט מיר ניט האָלט געהאַט?

מאַדלענע. איהר האָט זיך געדוכט, אַז איהר זייט צו פערכמאַרעט... זי האָט פאַר אייך אַביסל מורא געהאַט.

זשאַן. און איהר, מאַדלענע?

מאַדלענע. אָ, איך האָב פאַר אייך קיין מורא ניט, הערר זשאַן.

זשאַן. רופט מיר ניט „הערר זשאַן"... פאַר וואָס רופט איהר מיר „הערר זשאַן"?

מאַדלענע. איך ווייס אַליין ניט... עס איז עפּעס ניט ווילענדיג... ווייל איהר זייט ניט אַזוי ווי אַנדערע, איהר זייט עפּעס ניט ווי אַנדערע. ניט אַלע מאָל פערשטעה איך גוט אײַע-רע רייד, אָבער איך פיהל, אַז דאָס אַלץ איז ריכטיג און גוט... וואָס איהר רעדט. מיין מוטער איז צו אַלט, כדי צו פיהלען דאָס, אַזוי ווי איך...

זשאַן. איך בין גאָר ניט בעסער פאַר אַנדערע, מאַדלע-נע. איך בין אַזאַ פּראָלעטאַריער ווי אַנדערע, אָבער אויף דער נשמה איז ביי מיר אַ פולע ביטערקייט, ווייל איך האָב געזעהען אין מיין לעבען פיעל לענדער און פיעל אָרימקייט. איך האָב ניט געהאַט די קראַפט און די שטייפקייט, וועלכע איך האָב גע-ווּעלט האָבען. דערפאַר אָבער האָט זיך ביי מיר אָנגעקליבען פיעל שנאה... יע... אָט דאָ...

מאדלענע. צו דען איז ביי אייך א פולע שנאה? איהר זייט דאך אזוי גוט צום פאטער און אזוי ליעבליך מיט די קינדער און מיט מיר!

זשאן. דאס איז אמת... איך האב אייך זעהר האלט... אלעמען... אייך... און איך וואלט וועלען, אז איהר זאלט זיין גליקליך!

מאדלענע. דא איז ניטא קיין גליקליבע, די בעלי-הבתים... (זי דערדערט ניט, זעהענדיג, אז זשאן פראטעסטירט מיט'ן האנד). זשאן...

זשאן. עס איז אין ערגעץ ניטא קיין גליקליבע.

מאדלענע. זשאן! זשאן! דער אומגליקליכסטער פון אלע-מען, דאס זייט איהר.

זשאן. (שטעלט זיך און געהט אום איבערן צימער און זעהט צו פערשטעלען זיין אויפגערודערטקייט). בכן, פערבייט איהר א מוטער די אללע קליינוארג? (ער ווייזט אויף די שלאפענדע קינ-דער) איהר זייט צו יונג פאר אזא שווערע התחיבות... און דער פאטער ווערט אלץ עלטער (מאדלענע ענטפערט ניט, הויבט אן צו וויינען). וואס וויינט איהר?

מאדלענע. (זי שטארקט זיך איינצוהאלטען די טרערען) מסתמא פון מידקייט און אויך דערפון. וואס די מוטער... און וואס איהר, זשאן... פון דאן אן ווי איהר זייט געקומען, ווילט זיך מיר וויינען... (זי פערגיסט זיך מיט טרערען) און נאכדעם קען איך ניט, איך האב ניט די כוחות זיי צו ערציהען... איך וועל קיינמאל ניט האבען די כוחות... זשאן... זשאן! איך וועל ניט זיין דאס, וואס פאר זיי איז געווען די מוטער... און איך וויל ניט... איך וויל ניט... איך וואלט בעסער וועלען שטארבען...

זשאן. (געהמט איהר האנד און גלעט איהר) מיין ארימע מאדלענע! (מאדלענע בערוהיגט זיך אביסל) וויינט... טרערען מא-כען גרינגער די הארץ...

מאדלענע. ענטשולדיגט מיר, האט קיין פראיבעל ניט... יעצט איז געענדיגט... (זי שטעלט זיך, פערריכט דעם פייער אין אייווען, וואו עס ווארעמט זיך איין קליינער קעסעל, ווישט אויס די אויגען און געהט נייהען. זשאן געהט צו צו די אפענע טיר. אויף'ן גאס איז שוין פינסטער. די פאבריק בליטשטשעט מיט פיעל פייע-רען. עס הערען זיך די קלעפ פון די גרויסע האמערס. אויף'ן גע-פיל געהען דורך ארבייטער, שטעלען זיך אפ, רעדען ניט הויך און געהען אוועק. מאדלענעס פאטער, לואי טיער, געהט ארויס פון די קראנקעס צימער).

פיערטע ערשיינונג.

די זעלבע, לואי טיער.

לואי טיער. מאַדלענע, געה צו די מוטער. (ער דערזעהט זשאַנ'ען) אַ, דאָס ביזט דו?

זשאַן. נו, וואָס הערט זיך?

לואי טיער. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.) דער אומגליק געהט אונז נאָך. (מאַדלענע געהט צו די מוטערס צימער.) דאָס איז ניט קיין יושר!..

מאַדלענע. איך האָב געלייגט די קינדער שלאָפֿען... זיי האָבען אַזוי געוואָלט שלאָפֿען...

לואי טיער. און דו האָסט גוט געטאָהן... די מוטער וועט זיי מעהר צו זיך ניט רופֿען... זי קלערט שוין ניט וועגען דעם... זי קלעהרט שוין מעהר וועגען קיין זאַך ניט (צו זשאַנ'ען) מיר דערקענט זי נאָך, אָבער איך פֿערשטעה שוין ניט וואָס זי רעדט (מאַדלענע געהט אַוועק).

פינפטע ערשיינונג.

די זעלבע, אהן מאַדלענען.

לואי טיער. זי וועט ניט אויסלעבען די נאכט... און איך האָב נאָך איינגעשלאָפֿען ווי איין בהמה... איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט פֿאַרגעשטעלט אז דאָס זאָל טרעפֿען. וואָס וועט דאָס איצטער זיין מיט אונז אָהן איהר!.. (זשאַן געהט ארום איבער'ן צימער, פֿערכמארעט און פֿערקלעמט. ער פֿערמאַכט די אריינגאַנגס טיר און זעצט זיך געבען אויוועלע, לואי טיער קיקט אויף די קינדער). וואָס וועט דאָס זיין מיט זיי, מיין גאָט?

זשאַן. עס וועט זיין נאָך מעהר אָרימקייט... נאָך מעהר צרות... מעהר נויטה.

לואי טיער. דאָס איז אהן יושר...

זשאַן. זיי וועלען אזוי אומגעבראכט ווערען, ווי עס זיינען אומגעבראכט געוואָרען די ביידע עלטערע.

לואי טיער. דאָס איז אָהן יושר... אָהן יושר.

זשאַן. וואָס איז אהן יושר?

לואי טיער. איך האָב קיינמאָל קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָהן... איך בין אללע מאָל געוועזען איין גוטער אַרבייטער.

זשאַן. נו, טאָ וואָס זשע איז?

לואי טיער. אָט דאָס איז... דאָס זאָג איך דאָס, אַז דאָס איז אומגערעכט.

זשאַן. ניין... רעכט אַזוי... אויב דו ווילסט אַליין... אויב דו ווילסט דאָס למען השם... אַליין!...

לואי טיער. ניין... ניין... שווייג... רייד ניט וועגען דעם איצטער... איך בין צו אומגליקליך!..

זשאַן. דאַן וועל איך וואַרטען. איך וועל וואַרטען, ביז וואַנען דו וועסט ווערען גליקליך, איך וועל וואַרטען, ביז וואַנען דו וועסט שטאַרבען, ביז וואַנען מאַדלענע וועט שטאַרבען... ביז וואַנען אַללע וועלען דאָ אויסשטאַרבען... עס וועט אויסקומען ניט לאַנג צו וואַרטען... דו זעהסט דוכט זיך גאָר ניט, וואָס עס טהוט זיך אַרום... דו האָסט קיינמאָל ניט בעמערקט די פערוועלקטע גע-זיכט פון דיין טאָכטער, איהר פערמאַטערטען גאַנג ווי פון איין אַלטע אידענע... אין אַכטצעהן יאָהר!.. דו זעהסט ניט איהרע איינגע-פאַלענע באַקען... איהרע בלאַסע ליפען און די שוואַכינקע, אויס-געדאַרטע הענטלאַך פון די אומגליקליכע ברעקלאַך!

לואי טיער. רייד ניט וועגען דעם. (נעמט אַרויס פון אַלמער אַ שטיקעל ברויט) איך בין דאָך ניט הונגעריג... און פון נעכטען אָן האָב איך קיין זאַך אין מויל ניט גענומען... עס איז ניט געוועזען קיין צייט... און איצטער גייט קיין ביסען אויך ניט איין... ער שטעלט זיך אין האַלז. (ער לייגט צוריק אַריין די ברויט אין אַלמער, פערטרינקט אַביסל וואַסער און זעצט זיך אויך. אַלאַנ-גער שווייגען). און דו? דו געהסט אויך ניט היינט אַוועגד אויפ'ן פאַבריק?

זשאַן. ניין, ניין... איך שווער דיר, אַז ניין! (ער גייט צו צו לואי טיער און נעמט איהם פאַרן פלייצע) דו וועסט האָבען איבריגע הוצאות און דו האָסט נעווים מעהר קיין געלד ניט... נעהם... (ער גיט לואי טיער'ן עטליכע מטבעות).

לואי טיער. איך בין שוין אַזוי אויך דיר אַ גרויסער בעל-חוב.

זשאַן. דאָס איז געלד, וועלכע מיר האָבען ביידע צוזאַמ-מען פערדינט. זיי געהערען דיר. (לואי דאַנקט שווייגענדיגערהייד און זיצט ווי פריהער, אומעטיג אַראָפּגעלאָזען די קאָפּ. זשאַן גייט אַרום איבער'ן צימער. מען קלאַפּט אין טיר) עס קלאַפּט ווער אין טיר... דו הערסט? (מען קלאַפּט ווייטער).

לואי טיער. געהט אַריין... (עס קומען אַריין ראָבערט און זשענעוויעווע, וועלכע טראָגט איז האַנד אַ קערבל... זשענעוו-עווע איז איינפאַך אָנגעטהאָן)

זעקסטע ערשיינונג.

שענעוויעווע, ראָבערט, זשאַן, לואי טיער.

לואי טיער. אַ, פֿריילין זשענעוויעווע, הערר ראָבערט!.. איהר זייט, הייסט דאָס, צוריקגעקוממען צו אונז, הערר ראָבערט! אַ צייט האָבען מיר אייך ניט געזעהן!

ראָבערט. איך בין אָקאָרשט ערסט געקוממען צו פֿאָהרען, זשענעוויעווע האָט מיר געזאָגט אַז אייער ווייב איז זעהר קראַנק, אָרימער טיער! (דריקט איהם די האַנד).

לואי טיער. יע, יע... אונז האָט געטראָפֿען אַ גרויסער אונגליק, הערר ראָבערט!..

זשענעוויעווע. (שטעלט אַוועק די קערבל אויפֿ'ן טיש) נו, וואָס?.. וואָס מאַכט זי היינטיגען אָוועגד?

לואי טיער. אַך, פֿריילין, זעהר שלעכט... זעהר שלעכט!..

זשענעוויעווע. וואָס איז איהר דאָס?

לואי טיער. זי איז זעהר אויסגעצעהרט... זי האָט מעהר קיין כוחות ניט צו לעבען, זי האָט שוין גאָר קיין כוחות ניט... זי שטאַרבט אַוועק פֿון צופֿיעל צרות, פֿון נויט, פֿון אַרבייט איבער די כוחות...

זשענעוויעווע. איהר זייט אומזיסט אַזוי צוטראָגען... איך בין אין דעם איבערצייגט... זי דאַרף האָבען רוה און מיטלען צום קרעפֿטיגען. איך האָב איהר טאַקע געבראַכט גוטע אַלטוויין און אַפֿולע אַנדערע גוטע זאַכען, זי וועט דערפֿון אין גיכען געווים ווערען געזונד.

לואי טיער. אַ, פֿריילין! איהר זייט צו גוט!.. אָבער זי קען שוין מעהר קיין זאַך ניט עסען... זי איז פֿערלאָרען...

זשענעוויעווע. ריכטיג? איהר קענט זיך גאָר ניט פֿאָר־שטעלען, ווי איך בין זיך פֿון דעם מצער... אַזוינע געטרייע איבער־געגעבענע אַלטע דיענער... איהר זייט אַזוינע וואוילע מענשען און מיר האָבען אייך זעהר ליעב... איך קען איהר אפשר אַ קוק טהאָן?

לואי טיער. פֿערשטייט זיך, איהר קענט, פֿריילין!

זשענעוויעווע. (זי טרעט אָפּ אַביסל צוריק) זי האָט זיך פֿונדעסטוועגען ניט זעהר אומגעביטען!... זי זעהט ניט אוים זעהר שרעקליך?.. ווייל איך קען ניט איבערטראָגען קיין שרעק־ליכע זאַך...

לואי טיער. אָ, זי איז זעהר רוהיג אויפֿ'ן געזיכט. עס דוכט זיך אוים אַז זי שלאָפֿט... זי וועט זיין זעהר גליקליך, וואָס זי וועט אייך זעהן דעם לעצטען מאָהל...

ז ש ע נ ע ו ו י ע ו ו ע. וואָס הייסט דעם לעצטען מאָל? איך וועל נאָך קוממען... איך וועל יעדער טאָג אַריינקומען... איהר וועט זעהן אז מיר וועלען איהר אויסהיילען. (זי בעמערקט די קינ־דער) און די שלאָפֿעדיגע מלאָכים׳לעך?.. וואָס פֿאַר אַליעבינקע!.. און מאַדלענע?..

ל ו א י ט י ע ר. זי איז נעבען דער מוטטער.

ז ש ע נ ע ו ו י ע ו ו ע. וואָס פֿיר אַוואוילע מיידעל זי איז! פֿאַר וואָס קומט זי צו מיר קיין מאָל ניט? זאָגט איהר, זאָל זי אָפֿ־טער אַריינקוממען צו מיר!

ל ו א י ט י ע ר. זי איז אביסל פֿערווילדעט.

ז ש ע נ ע ו ו י ע ו ו ע. איך וועל איהר אַיינגעוואוינען... איך האָב איהר זעהר ליעב... זאָגט איהר, אַז איך האָב איהר זעהר ליעב!.. אָך, די אָרעמע קלעמאַנס (קוקט איבער מיט אַיין צווייטען בליק מאַדלענעס גענייה). איהר געדיינקט ווי זי פֿלעגט צו מיר קומען פֿאָזירען, זי האָט געהאַט אַזאַ אומעדיגע, אַזאַ וואונדער־שיינע קאָפּ! אַיין אמת׳ע הייליגע טרויער־מוטער! ווי דאָס איז היינט ריה־רענד! (זי גייט צו צו טיערען) איך וועל אַייך אויסמאָלען דעם פּאָרטרעט, אַיין גרויסען פּאָרטרעט פֿון קלעמאַנס! (ראָבערט דריקט אויס מיט אונגעדולדיגע תנועות דעם קאָנפֿוז, וואָס זשענעוויעוועס ווערטער רופֿען ביי אים אַרויס).

ל ו א י ט י ע ר. אָ, פֿריילין!

ז ש ע נ ע ו ו י ע ו ו ע. יע, יע... איך וועל אַייך אויסמאָהלען אַיין גרויסען פּאָרטרעט איהרען! ביטע, פֿיהרט מיר צו צו איהר... איך וויל איהר זעהן... וואָס פֿאַר אַיין אונגליק. אַזוינע עהרליכע וואוילע לייט און זיינען שוין בייא אונז אַזוי לאַנג.

ל ו א י ט י ע ר. שוין 21 יאָהר, פֿריילין!

ז ש ע נ ע ו ו י ע ו ו ע. 21 יאָהר. זאָגט נאָר. גרויסאַרטיג! (זיא ווייזט אויפֿ׳ן קאָרב) דאָ איז דאָ קאַנפֿעקטען פֿאַר דיא קליינע קינדער און אַיין קאָרסאַז פֿאַר מאַדלענען. (זיא גייט צוא צו די טיר פֿון ציממער, וואָס אויף לינקס, בעגלייט פֿון לואי טיער). וואָס ליידען דאָס וועט מיר אָנטאָן! (זשענעוויעווע און לואי טיער גייהען אוועק אין דיא קראַנקעס ציממער. דיא גאַנצ׳ע צייט פֿון דער סצענע זיצט זשאַן, צייטענווייז אָנקוקענדיג אויף זשענעוויעווען מיט האַס און ראָבערטען מיט אַיין אויפֿמערקזאַמע נייגעריגקייט. פֿערבלייבענדיג מיט ראָבערטען, הויבט ער זיך אויף, נעמט זיין היטל און גייט פּאַמעלאַך צום טיר, זיך מאַכענדיג אַז ער קוקט גאָר ניט אויף ראָבערטען. דורך דיא אָפֿענע טיר זעהט זיך דיא גאַנצע צייט די פֿאַבריק, וואָס פֿינקעלט מיט פֿייער און איז אַיינגעהילט אין רויך. פֿון פֿאַבריק הערט זיך אַיין גערויש).

זיבעטע ערשיינונג.

זשאַן, ראָבערט.

זשאַן. יע..

ראָבערט. די סבה פון אייער אַנטלויפען בין איך?

זשאַן. עס קען זיין... ניין...

ראָבערט. איהר זייט איין אַרבייטער פון פאַבריק?

זשאַן. וואָס האָט דאָס צו איך?.. איך... צו איין אַנדערער! (ער וויל אַוועקגעהן).

ראָבערט. פערבלייבט, איך בעט איך!.. זאָגט מיר אייער נאָמען?

זשאַן. איך האָב קיין נאָמען ניט...

ראָבערט. אָ!... (איין קורצער שוויגען) פאַר וואָס רעדט איהר מיט מיר אַזוי? איהר קענט מיר ניט...

זשאַן. וואָס פרעגט איהר מיר אַזוי פערנאַנדער? איך האָב איך ניט וואָס צוא זאָגען!

ראָבערט. (שטרעקט איהם אוים די האַנד). איך בין אייערער אַ גוטער פריינד.

זשאַן. (קוקט איהם אַרום פון קאָפּ ביז דיא פיס, מיט גרויסקייט) יע, יע, איך ווייס... אַשאלה דאָס איז!.. דעם בעל-הבית אַזון, איין רעוואָלוציאָנער, און איין סאָציאַליסט און אפשר גאָר איין אַנאַרכיסט!.. דאָס איז איצט זייער אין מאָדע אין דיא בורזשואַזע קרייזען... עס קלינגט אַזוי גוט... עס איז אַזוי גרויס-אַרטיג... און עס האַרמאָנירט אַזוי מיט דיא מיליאָנען, וואָס מיר פערהאָרעווען פיר איך. (האַרט) לאָזט מיר צו רוה!

ראָבערט. איך פערוועהר איך צוא צווייפלען אין מיין ערנסטקייט.

זשאַן. און איך... איך פערוועהר איך צו האַלטען מיר פאַר איין נאַר.

ראָבערט. איך האָב שוין דערוויזען אין טהאַט און וועל נאָך דערווייזען...

זשאַן. אייערע רעדעס?... אייערע אַרטיקלען?.. אייערע ביכער? איך ווייס פון זייא... איך האָב זייא געלייענט... יע, איך האָב זייא געלייענט... מען קען ניט זאָגען, עס ריהרט טאַקע... שליסען שלום... אַלגעמיינע גליק... ברידערליכקייט!... און וואָס נאָך? יע, איהר זינגט זיך גאַנץ גוט אייער ליעדעלע! אָבער, איהר ווייסט, אַז מיר געפעלט בעסער אייער פאָטער...

ער איז שטרייננ, אונבּרחמנות׳דיג... ער דערהאַרגעט אונז מיט אַרבּייט און מיט הונגער... אָבּער אַם וויינינסטען, ער קען אונז ניט פֿערפֿיהרען אין אַטעות!..

ראָבּערט. מען רעדט דאָ ניט וועגען מיין פֿאָטער... מען רעדט וועגען מיר.

זשאַן. וועגען איין?.. (ער קוועטשט מיט דיא פּלייצעס). געהט מיט אייערע שיינע ריידעלאַך צו אַנדערע אַרבּייטער... צוא אָרימע ביטערע עם־הארצים, וואָס ווייסען, ניט וואָס זייא ווילען און וואָס גלויבען נאָך אין דעם כח פֿון ווערטער... איך אָבּער... איך גלייב נאָר אין דעם כח פֿון טהאַטען... און איך וויים וואָס איך וויל!

ראָבּערט. (טרויעריג) צו ווייסט איהר דאָס אין אמת׳ן?

זשאַן. (מיט איין היציגען כעס) איך וויל לעבּען... לעבּען קערפּערליך און גייסטליך — לעבּען מיט אַלע מיינע געפֿיהלען, מיט אַלע מיינע פֿעהיגקייטען, אַנשטאָט צו זיין איין בהמה אויף משאות, וועלכע מען שמייסט, אָדער איין אונבּעוואוסטזיניגער מאַשין, וועלכע מען לאָזט אוועק, זי זאָל אַרבּייטען פֿיר אַנדערע... איך וויל זיין אַמענש, מיט איין וואָרט, איך וויל זיין אַמענש פֿיר זיך אַליין!.. און אייגענטליך, איך וויים אַליין ניט, צו וואָס דערצייל איך אייך דאָס אַלץ... דאָס איז מיין זאַך און ניט אייערע... זייט געזונד! (ער וויל אוועקגעהן).

ראָבּערט. (האַלט איהם אָפּ) און וויא איז, אַז איך האָב אייך געבּראַכט דעם מיטעל, וויא צו זיין אַט אַזאַ מענש און וויא צו לעבּען?

זשאַן. אַזוי גאָר!.. אנדבה?... אייער שוועסטער׳ס קערבּל?.. דיא ברעקלאַך פֿון אייער טיש... דעם געטליכען גנאָד פֿיר גאַנצע פֿינף פֿראַנק, ניין אפשר?.. און דיא גאַנצע בעליידיגונג פֿון אייער מיטלייד...

ראָבּערט. ניין, ניט קיין נדבה, ניט קיין מיטלייד.. דעם גלויבען אין זיך אַליין...

זשאַן. (שטראַשענדיג). דאָס גלויבען איז ביי מיר דאָ...

ראָבּערט. און דאָס גלויבען אין מיר.

זשאַן. (מיט איין איראָניע) איך דאַנק אייך זעהר פֿיר אַזאַ מתּנה.. איך וויים וואָס זיא איז ווערט... יע, איהר זייט דאָ בּעוואוסט און בּעליעבּט... אין פֿייער, אין רויך, פֿערבּרענטע, פֿערצאַפּעלטע, דערשטיקטע אונטער דער שווערקייט פֿון דעם צושמעטערנדען מעטאַל, אַרבּייטען דאָ טויזענדער מענשליכע בּעשעפֿענישען און האָפֿען פֿון אייך צו בּעקומען... וואָס, ווייסען

זייא אַליין ניט... איהר זייט פֿיר זייא בייא היינטיגען טאָג דער ווייטער חלום פֿון דיא צוקונפֿטיגע פֿרייהייט. אייער נאָמען וויעגט זיי אַיין מיט פוסטע חלומות, איהר שלעפּערט אַיין זייער אונצופֿרידענהייט... און מאָרגען וועט איהר זיין... נו, זייט זיך מודה... איין דעפּוטאַט?

ר אָ ב ע ר ט. מאַכט ניט פֿון מיר קיין שפּאַס... דאָס פּאַסט ניט פֿיר אייך... און ניט פֿאַר מיר!..

זשאַן. (זעהר ערנסט) איך מאַך שפּאַס?! צוא דען לאַך איך ווירקליך אָפּ?.. (ער ווייזט אויף דעם צימער פֿון דיא גוססה און רעדט מיט אַ פֿערשטיקטע שטימע) דאָ... אָט... אין דיא שטוב, אויף דעם שוועל פֿון די שטוב, אויף דעם שוועל פֿון דעם צימער, אין וועלכע אַיין אָרימע פֿרויא שטאַרבט צוליעב אייך, וויא עס זיינען געשטאָרבען צוליעב אַייך איהרע צווייא זיהן... צוואַנציגיאָהריגע... יונגע לייט... וויא עס וועלען גיך דיא אויך שטאַרבען (ער ווייזט אויף די שלאָפעדיגע קינדער). אויך צוליעב אַייך... און איהר זאָגט, אַז איהר האָט מיר געבראַכט אַהער לעבען... איהר זאָגט מיר צו גליק?.. גייט אויפֿין בית עלמין, אויף דעם קלייניגקען בית־עלמין, פֿון וועלכען עס דערטראָגט זיך צו אונז פֿון אָוועגד אַזאַ שעדליכער אויר, וויא דיא לופֿט פֿון אַייערע פֿאַבריקען... געהט אַקאָרשט אַהין. גראָבט פֿונאַנדער דאָרטען די ערד און ציילט איבער די אַלע, וואָס זיינען געשטאָרבען צוליעב אַייך... יע, צוליעב אַייך... כדי איהר זאָלט קענען קויפֿען זיך לוקסוס, איהר זאָלט זיך קענען היינט אָנרופֿען פֿיר אַיין פֿריינד פֿון מיינע לײדען... און פֿון מיין אַרימקייט... פֿיר מיין פֿריינד!.. וואָס איז דאָס אַזוינס?.. וויפֿיעל צאָהלט אַייך דערפֿאַר אַייער פֿאָטער?

ר אָ ב ע ר ט. (אַראָפּגעפֿאַלען) פֿאַר וואָס בעליידיגט איהר מיר?..

זשאַן. צוא איינסזשע ניט? איז דאָס דען ניט קלאָר?! צווישען דיא אַרבייטער איז אַיין אונצופֿרידענהייט. ניט קוקענדיג אויף אונזער אונטערטעניגקייט און אונוויסענהייט וועט מאָרגען... קען זיין א יפּלאַקערען אַיין שטרייק!... אָבער אַייער פֿאָטער איז געניג רייך אויסצוהאַלטען אַזאַ קלאַפּ... דיא שטרייקען זיינען דאָך עפּטער געפֿעהרליך פֿאַר אונז אַליין, וועלכע בעצאָהלען סוף כל סוף פֿיר דעם שאָדען מיט נאָך אַיין גרעסערע שקלאַפֿעריי און אָרימקייט און אָפֿט אויך מיט אונזער בלוט... דאָס איז פֿערשטייט זיך אַזוי, אָבער דאָ איז אַללע מאָל פֿאַראַן אַיין געוויסע אונבעוואוסטקייט... מען האָט פֿאָרט מורא פֿאַרן זאַוואָד, אי פֿאַר'ן פֿערמעגען און לסוף אויך פשוט פֿאַר דער הכנסה. אָט דאָ האָט זיך אונטערגעדרייט אַייער בעליבטקייט... זייא האָבען זיך געכאַפּט. אַז אייער זיין דערביי וועט אַלץ ברייגגען אין אָרדנונג און איהר

האָט זיך גליך אָפּגערופֿען... נו, וואָס זשע... וויפֿיעל בעצאָהלט איך אייער פֿאָטער פֿאַר דיעזע ליעבע מיטהילף?

ראָבערט. פֿאַר וואָס בעליידיגט איהר מיר? איך ווענד זיך צו איך מיט איין אויסגעשטרעקטע האַנד און מיט איין בריי־דערליכעם האַרץ... איך שווער איך... און איהר בעליידיגט מיר! איהר רעכענט זיך פֿאַר אַפֿרייען מענשען, און איהר קענט ניט און איהר ווילט ניט זיך שטעלען העכער פֿון דיא איינגלייבונגען פֿון דעם עם האָרץ און דעם נקמה־גייסט פֿון דעם סעקטאַנט. איך שריי צו איך: „לאָמיר גיין צוזאַממען אַנטקעגען דיא צוקונפֿט, וואָס איז בעלויכטען מיט דעם ליכט פֿון וויסענשאַפֿט און ליעבע...“ און איהר... איהר זינקט אַלס טיעפֿער אין דעם פֿערגאַנגענהייט, וואָס איז פֿערפֿינסטערט מיט אָהנמעכטיגע פֿיינדשאַפֿט... וואָס זאָל איך איך נאָך זאָגען?

זשאַן. (אַביסל בערוהיגט און צוטומעלט פֿון ראָבערט'ס ווערטער). זאָל זיין אַזוי... זאָל זיין, איהר זייט איין עהרליכער מענש... עס קען זיין, אַז איך האָב געהאַט איין טעות... איך וויים ניט... איך וויים גאָר ניט... אָבער וואָס זייט איהר צוא מיר געקוממען?.. איך האָב איך דען גערופֿען?.. אונזערע וועגען זיינען פֿערשיעדען... און מיר דאַרפֿען זיך ניט בעגעגענען.

ראָבערט. פֿאַר וואָס רעכענט איהר אַזוי, אויב איהר וויסט אַזוי שלעכט, ווער איך בין?

זשאַן. אונז מיט איך צוטיילען צופֿיעל זאַכען, וועלכע מיר קענען ניט און טאָרען ניט פֿעראייניגען.

ראָבערט. צוויי לײַדענדע קענען ניט זיין אַזוינע פֿערצאַמונגען.

זשאַן. דאָס זיינען אַלין פֿ־אַזען.

ראָבערט. ווען איך בין מיט איניגע מינוט צוריק אַריינ־געגאַנגען אַהער, האָט איהר מיר בעזונדערס פֿעראינטערעסירט... איך האָב ניט געוואוסט, ווער איהר זייט, נאָר איך האָב דערפֿיהלט, דערזעהענדיג אייער געזיכט, אייער אומעדיגע און ערנסטע געזיכט, דערזעהענדיג איין אומעט... איין אומענדליכען אומעט אין אייערע אויגען, וואָס איהר האָט אויף מיר אויסגעשטעלט... איך האָב דערפֿיהלט... אַז איך האָב איך ליעב... מיר האָט פֿערוואָלט זיך דורכריידען מיט איך... מיר האָט זיך פֿערוואָלט אַרויסזאָגען איך דיא ברידערליכע געפֿיהלען, מיט וועלכע מיין האַרץ איז פֿול... און מעהר גאָר ניט... און איהר שטויסט מיר אָפּ... איך וויים ניט, וואָס זאָל איך איך נאָך זאָגען...

זשאַן. אָט זעהט איהר!..

ראָבערט. אייער אינציטרווי צוא מיר פערוואונדערט מיר ניט, ווייל איך פערשטיי אין אייך איין מעכטיגע נשמה, וואָס איז פערוואונדעט און אָפּגעגאַרט מיט האָפנונגען, וואָס זיינען ניט מקוים געוואָרען... אָבער איך פערשווער אייך... הערט מיר אויס, ווי איהר וואָלט גיסהערען איין פערבייגעהענדען, וואָס איהר וואָלט בעגעגענט אייפ'ן וועג צו אייער ציעל און וועלבער גייט אויך צו דער זעלבער ציעל... איך בין ניט דער, פיר וועלכען איהר נעמט מיר אָן... איך האָב זיך ענטזאָגט פון די אַללע איינגלויבונגען פון מיין קלאַסס... איך האָב זיך ענטזאָגט פון אַללע ווירגאָדעס און זכיות וואָס מיין מזל האָט געשיינקט מיין יוגענד... איך דאַרף זיי ניט האָבען. איך בין אַזאַ אַרבייטער, איך האָרעווע אויך אַזוי ווי איהר און איך האָף נור אויף זיך... איך לעב נאָר פון מיין אייגענע פּראַצע.

זשאַן. און איך... איך שטאַרב פון איהר! (ער חאַפּט מיט אַמאָהל ראָבערט'ן פירן האַנד, שלעפּט איהם צו צום טיר פון גאַס און מיט איין שטאַרקען מאַך מיט'ן האַנד ווייזט ער איהם אויף די פאַבריק, וואָס פלאַמט אין דער פינסטערניס. אין ריידען ווערט זשאַנ'ס שטימע העכער און הילכיגער). אָט דאָס... אָט דער פלאַם... דער רויך, די יסורים, די פערפלוכטע מאַשינען, וועלכע פערניכטען און פרעסען אויף יעדען טאָג יעדע שעה מיין מאַרך, מיין האַרץ, מיין רעכט אויף גליק און לעבען... אָט... אָט זיי די פייערדיגע מיילער פון דעם ברען־אייווען, די הייגאַטשע קופּעס גליהענדע קוילען... די דאַמפּף־קעסלען, וועלכע פערצעהרען... מיין פלייש, מיין ווילען, מיין פרייהייט... לאָפּעטעסווייז... אום צו בעשאַפען פון זיי רייכטום און כח פאַר איין מענשען... נו, פערלעשט דאָס אַלץ... פערניכטעט דאָס... (ער וואַרפט אַוועק גראָב ראָבערט'ס האַנד) און דאַן וועלען מיר ריידען מיט אייך.

ראָבערט. שטילער, מיין עלענדער... דאָ שטאַרבט איין פרוי... עס שלאָפען קליינע קינדער! (ראָבערט פערמאַכט די טיר. זשאַן פערגייט טיעף אויפ'ן סצענע און פאַלט אַנידער אויף איין שטול דריקענד זיין קאָפּ מיט די הענד. אַ שווייגען. ראָבערט גייט צו צו זשאַנען אין ריהרט זיך צו צו זיין פּלייצע) איהר האָט זיך איצטער אַביסל בערוהיגט?.. (זשאַן הייבט אויף די אויגען אָהן רייד און לאָזט זיי דורשטיג אַריין אין ראָבערטען). גיט מיר אייער האַנד.

זשאַן. איך בין געווען אונגערעכט... איך...

ראָבערט. (שלאָגט איהם איבער ווייך) רעדט מער גאָר ניט... אָה! אייערע ליידען, איך פערשטייה זיי, זיי זיינען אויך מיינע! (אַ שווייגען. עס געהען אַריין זשענעוויעווע און מאַדלענע. לואי טיער בעווייזט זיך אין טיר און נאָך איין שטומען אָפּשייד נעמען גייט ער צוריק אַריין אין די קראַנקעס צימער).

אכטע ערשיינונג.

זשענעוויעווע, מאַדלענע, ראָבערט, זשאַן.

זשענעוויעווע. (צו מאַדלענען). מעהר מוטה, מאַדלענע!.. איך שטעהען פֿאַר אזעלכע שווערע מינוטען... איך האָב אויך געהאַט אַזאַ צער... איך פֿיהל איך מיט מיט'ן גאַנצען האַרצען.

מאַדלענע. איך דאַנק איך, פֿריילין.

זשענעוויעווע. בעזונדערס פֿערגעסט ניט, אַז איך בין אייער פֿריינד...

מאַדלענע. יע, פֿריילין...

זשענעוויעווע. צום ווידערזעהן!.. איך וועל מאָרגען אין דער פֿריה שיקען פֿרעגען, וואָס הערט זיך נייעס... מוטה, מעהר מוטה! (זי קושט זיך מיט מאַדלענען. ראָבערט דריקט איהר די האַנד) ביז מאָרגען. (זיי געהען ביידע אַוועק).

נייַנטע ערשיינונג.

זשאַן, מאַדלענע.

מאַדלענע. נו, אַט. (זי בעמערקט די קאָרב און קערט זיך אום צו זשאַנען, וועלכער זיצט נאָך אויפ'ן שטול).

זשאַן. יע, דאָס האָט זי געבראַכט די קערבל (מיט ביטערקייט). דאָ איז פֿאַר איך איין קאָרסאַזש... קאָנפֿעטען פֿאַר די קינדער... און ווייַן פֿאַר די מוטטער!.. אַ גרויסע בעל-רחמנות!

מאַדלענע. (זי נעמט די קאָרב און שטעלט איהר אַוועק אויפ'ן געשיר-אַלמער) זי טוט, וואָס זי קען.. (אַ שווייגען. מאַדלענע זעצט זיך ווידער צום טיש און נעמט זיך צו דער אַרבייט).

זשאַן. (גייט צו נעבען מאַדלענען און שפּאַרט זיך אָן אָן דעם שטול, אויף וועלכען זי זיצט). מאַדלענע!

מאַדלענע. וואָס איז, זשאַן?..

זשאַן. די נאַכט וועט זיין זעהר לאַנג... און איך פֿיהל, אַז איך בין ניט אים שטאַנד אוועקגעהן צו זיך... איהר ווילט, אַז איך זאָל דאָ אַביסל פֿערבלייבען... מיט איך?..

מאַדלענע. יע, זשאַן, איך וויל זעהר... איהר זייט אַזאַ גוטער, וואָס איהר פֿערלאָזט מיר ניט, וואָס איהר פֿערלאָזט ניט דעם פֿאָטער... אויב דער אונגליק וועט אונז טרעפֿען די נאַכט... וועט איהר טרייסטען דעם פֿאָטער...

זשאַן. מיר וואָלט זיך אויך וועלען איך זאָגען דאָס, וועגען וואָס איך האָב נאָך מיט איך ניט גערעדט.

מאדלענע. רעדט, זשאן... ווען איהר רעדט, פיהל איך זיך ניט אזוי אונגליקליך.

זשאן. אמת?

מאדלענע. אמת. פון דער צייט אן, וואס איהר זייט אינזער פריינד און איהר געהט אהער אריין כמעט אללע טאג... ב'לעבען, איך פיהל זיך ניט אזוי אונגליקליך.

זשאן. ליעבע מאדלענע!

מאדלענע. אם וויינִיגסטענס, אזוי קומט מיר אויס... מען פערגעסט די צרות אויף איינִיגע מינוט... און אויף דער צייט זיינען זיי אזוי ווי ניטא... אפילו די קינדער וויינען אויך ניט, בשעת איהר זייט דא... איהר ווייסט אזוי גוט ווי צו ריידען מיט די קינדער, איהר לאזט זיי שפרינגען ביי אייך אויף די קניע, איהר דערצעהלט זיי אזוינע שיינע מעשיות.

זשאן. (צורודערט) דאס, וואס איך וויל אייך זאגען, מאדלענע, איז ניט קיין פריילִיכע מעשה. דאס זיינען ערנסטע רייד, ווייל איך וויל מיט אייך ריידען וועגען מיין ליעבע, (מאדלענע גיט זיך א ריהר). דיא מינוט, וואס איך האב אויסגעקליעבען צוא ריידען מיט אייך וועגען דעם איז אויך זעהר איין ערנסטע... (ער ווייזט אויף דיא מוטטערס צִיממער) ווייל דארטען איז דער טויט!.. (מאדלענע גיט א ציטער) מאדלענע איך גיב אוועק מיין לעבען... איהר ווילט מיר אוועקגעבען אייערען? (מאדלענע לייגט אפ דיא ארבייט און קוקט אויף זשאנ'ען מיט אויגען, פולע מיט הייסע ליעבע און טרויער). מאדלענע, ענטפערט מיר!

מאדלענע. (מיט איין ציטערנדע און איין צורודורטע שטימע) איך קען ניט ווארפען מיין פאטער... איך קען ניט אוועק־ווארפען דיא קינדער, וועלכע האבען איצטער קיין אנדערען ניט, חוץ מיר.

זשאן. איך פאדער ניט פון אייך, איהר זאלט זיך ענט־זאגען פון אייערע התחיבות. איך בעט אייך מעהר ניט, איהר זאלט מיר ערלויבען אייך העלפען זייא ערפילען נאך מיינע כחות נאך... ארבייט וועלען מיר האבען גענוג פאר צווייען...

מאדלענע. מיין פאטער האט אייך ליעב, זשאן... אבער ער האט מורא פאר אייך... איהר זייט פאר איהם איין רעטעניס... און ער איז נאך אזא שרעקעדיגער! ער וויים, אז איהר זייט דא ניט אויף לאנג, אז איהר וועט גיך אוועקפארען פון דאנען... נאך נעכטען האט ער געזאגט: „אה! זשאן האט זיך אריינ־גענומען אין קאפ ניט קיין גוטס... מיט איהם וועט זיך אויסלאזען ניט גוט!". דער פאטער וועט ניט וועלען, איך זאל זיין אייערע.

זשאן. איהר געהערט זיך אליין.. איהר געהערט קיינעם

ניט... נאָר זיך. אַחוץ איך, האָט קיינער ניט קיין רעכט בע־שטימען אייער שיקזאַל.

מאַדלענע. מיין שיקזאַל! ער איז אין דיא שטוב... מיט דיא וואָס וואוינען דאָ און נייטיגען זיך און דאַרפֿען מיר האָבען.

זשאַן. איהר האָט מיר ליעב?

מאַדלענע. איך האָב איך ליעב פֿון ערשטען טאָג אָן, וואָס איהר זייט צוא אונז געקוממען.

זשאַן. נאָר וואָס זשע?

מאַדלענע. דאָך... מען טאָר גאָר ניט קלערען וועגען דעם, וואָס איהר רעדט... ווייל אויב איהר וועט אַוועקפֿאָהרען... קען איך ניט... טאָר איך ניט נאָכגיין נאָך איך..

זשאַן. יע, איך קען איך טאַקע ניט צוזאָגען; אַז איך וועל ניט אַוועקפֿאָהרען פֿון דאַנען... עס קענען פֿאָרקומען אַזוינע גע־שעהעניסען. איבער וועלכע איך וועל ניט האָבען דעם רשות צוא געוועלטיגען. (ענערגיש). עס קען איך פֿאָרקוממען, אַז אַלעמען וועט אויסקוממען אַוועקצופֿאָהרען פֿון דאַנען (איין קורצער שוויגען). אָבער אויף וויפֿיעל דאָס וועט אָפּהענגען פֿון מיר, וועל איך זעהן דאָ צו פֿערבלייבען

מאַדלענע. מען דאַרף ניט פֿערבלייבען צוליעב מיר, זשאַן. איך בין גאָר ניט אַנטקעגען דעם, וואָס איהר האָט בע־שלאָססען אויסצופֿיהרען...

זשאַן. וואָס ווילט איהר מיט דעם זאָגען?

מאַדלענע. איך ווייס פֿין קיין זאַך ניט, ווייל איהר האָט מיר קיין זאַך ניט דערציילט, אָבער איך זעה שוין פֿון לאַנג נאָך אייערע אויגען דאָס, וואָס ביי איך איז אויפֿ'ן האַרצען. חוץ דעם, האָט איהר אָקאָרשט געזאָגט: „עס קען אויך טרעפֿען אַז אַלעמען וועט אויסקוממען אַוועקצופֿאָרען...“ (אַשווייגען).

זשאַן. (פערקלעהרט) איך האָב קיין זאַד ניט בעשלאָסען,

מאַדלענע. איך האָב געטרוימט... יע, איך האָב געטרוימט, קען זיין, וועגען איינינע זאַכען... מעגליך, וועגען גרויסע זאַכען.. אָבער אויב איין פֿייערדיגער דורשט צוא טהעטיגקייט און צום קאַמפּף וועט מיר ווייטער אָננעמען... איז מעהר ניט צוליעב איך... דורך איך.. און צוזאַממען מיט איך!..

מאַדלענע. צוליעב מיר!.. צוזאַמען מיט מיר!.. איך בין איין אָרימע מיידל, איין אויסגעהאָרעוועטע און איין קראַנקע... איך בין ניט קיין שיינע!..

זשאַן. ניט קיין שיינע!.. א, מאַדלענע... איהר האָט ניט דיא אונפֿערשעממטע שיינהייט פֿון דיא רייכע, וואָס איז

שאַפֿען דורך אונזער נויט און אונזער הונגער... איהר האָט דיא שײנהייט, וועלכע איך האָב ליעב, דיא הייליגע שײנהייט פֿון לײדען... און איך שטעל זיך אויף דיא קניע פֿאַר אײך! (ער לאָזט זיך אראָפּ איף די קניע פֿאר מאַדלענען און נעמט אָן איהרע הענד) דאָס אָרימע אין אָבגעבליהטעס פּניםל... דיזע פּלייצעס, וואָס זײנען שוין אײנגעהויקערט... דיא הענד, דיא קלײנע בלאַסע הענד... דיא פֿינגער, וואָס זײנען צושטאָכען מיט'ן נאָדל... דיא אויגען, דיא אויגען וואָס זײנען רויט געוואָרען פֿון צרות און פֿון טרעהרען... איהר ווייסט ניט מיט וואָס פֿאַר אַיין מעכטיגע און הייליגע ליעבע האָבען זיי פֿול געמאַכט מיין האַרץ... וויא זייא האָבען אויפֿגעבלאָזען אין מיר דיא שנאָה!.. ניט קיין שײנע!.. ווייל איהר האָט נאָך ניט געהאַט קיין יוגענד, ווייל איהר האָט געלעבט דורכאוים אין אָרימקייט.. איהר זייט וויא אַיין אָרימע קרײנינקע פֿלאַנצונג, וואָס האַט קיין מאָל ניט געזעהען קיין ליכט!... אָבער אויב איך וועל אַייך ברײנגען ליכט, אויב איך וועל אַייך אומקעהרען אַייער יוגענד, אויב איך וועל מיט מיין ליעבע אָפּ־רייבען דעם שטעכפּעל פֿון צער פֿון אַייער געזיכט און פֿון אַייער האַרץ!..

מאַדלענע. רעדט דאָס מיר ניט, רעדט דאָס ניט... איהר מאַכט מיר וויינענדיג.

זשאַן. און אַייער נשמה! איהר מיינט, אַז איך האָב איהר ניט דערקענט צווישען די אַללע אַ־ומיגע... דיא נשמה, וואָס איז פֿיל מיט ריינקייט, זעלבסטאָפּפֿערונג מיט אַיין רוהיגע און אַיין עטילע העלדישקייט, (ער הויכט זיך אויף פֿון דיא קניע) נו, יע, איך האָב זיך גענומען אויסצופֿיהרען דיא זאַך פֿון נקמה און יושר... אָבער צוא דען דאַרף איך האָבען אַזאַ דבר'טע וויא איהר... איך דאַרף האָבען אַפֿרוי מיט אַזאַ שטאַרקע נשמה, וויא ביא אַייך איז.

מאַדלענע. זשאַן, זאָג דאָס ניט. איך בעט אַייך... איך בין ניט קיין שטאַרקע... איהר זעהט דאָך... איך טוה נאָר און וויין...

זשאַן. ווייל איהר זייט אַליין, גאָר אַליין, און איהר שטעהט פּנים אל פּנים, מיט אַזינע גרויזאַמקייטען... אָבער מיר בײדע, פֿעראײניגט דורך ליעבע, האָבען ניט וואָס מורא צוא האָבען... אפֿילו פֿאַר'ן טויט.

מאַדלענע. (אויפֿגערעגט) איך שרעק זיך ניט פֿאַר'ן טויט... איך האָב ניט מורא פֿאַר'ן טויט... איך האָב נאָר מורא אַז איך וועל ניט האָבען קיין קרעפֿטען צוא טהאָן דאָס, וואָס איך דאַרף איצטער טהאָן.

זשאַן. איהר דאַרפֿט זיין גליקליך! און מיין חוב איז

בעוואָרגען פיר איך גליק... דערשלאָגען זיך איהם פיר אייך!.. איך פיהל זיך היינט נעגוג שטאַרק אויף דערויף! (ער זעצט זיך צוזאַמען מיט מאַדלענען). איך דאַרף עפענען פאַר אייך מיין גאַנצע האַרץ! הערט מיר אויס... אַז איך בין מיט אַ יאָהר צוריק געקוממען אַהער, בין איך געווען זייער מיד, שרעקליך מיד, איך שווער אייך... מיין מוטה איז געפאַללען אין קאַמפף, איך האָב פערלאָרען דעם גלויבען אין מענשען און אין זיך אַליין... מיין לעבען האָב איך אָפּגעגעבען אַנדערע... איך האָב איהם אויסגעניצט פאַר אַנדערע... נאָר זיי האָבען מיר ניט פערשטאַנען... אין קיין ערגעץ האָט מען מיר ניט פערשטאַנען... און אין דער זעלבער צייט, מיין אָרים קינד, בין איך געווען אין אַלע לענדער... איך בין געווען אין בראַזיליען, אין ניו-יאָרק, אין שפּאַניען, אין בעלגיען, אין ענגלאַנד, צפון און דרום פראַנקרייך... אומעטום האָב איך זיך אויסגעבשר'ט אין דעם פייער פון דער פּראַצע... און אומעטום האָב איך נאָר געזעהען געשייטקייט, ווי דעם מענשען צו עקספּלואַטירען... ווי שרעקליך דאָס איז אַלץ!.. אומעטום האָב איך זיך אָנגעשטויסען אויף ווילדע אונוויסענהייט, אויף אָהנמעכטיגע בייזקייט, אויף די הארטע וואַנד, וועלכע עס שטעלט פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט'ס מוח!.. יעדען מאָל, ווען איך האָב זיך געפּרובט אויפצוּוועקען דעם געוויסען אין די הערצער פון די אָרימע... יעדען מאָל, ווען איך האָב גערעדט פאַר דעם המון וועגען יושר און אָפּשטאַנד, וועגען אַחדות און שיינקייט... ערשט וואָס! אַנדערע האָבען מיר אויסגעלאַכט גלייך אין צורה, די צווייטע האָבען מיר געמסר'ט, די דריטע פּלעגען זאָגען אַז איך בין אונטערגעשיקט פון דער פּאָליציי! קנעכט און שטומע בהמות אָהן לשון!..

מאַדלענע. ניין, זשאַן, זיי זיינען אַללע אומגליקליכע, מען דאַרף נאָך שטאַרקער אויף זיי רחמנות האָבען, ווייל זיי קענען ניט פערשטעהן... און דאָס איז ניט זייער שולד!..

זשאַן. (פערקלעהרט) דאָס איז אמת! ווען זיי וואָלטען פערשטעהן... (ער טהוט אַ ברייטען מאַך מיט'ן האַנד).. וואָלט די זאַך שוין געווען אויסגעפירט (איין שוויינען). אַללע וואָלטען געווען גליקליך... (איין שוויינען, אין וועלכע זשאַן פערטראַכט זיך עפּעס ערגעץ אין אַ טרוים)...

מאַדלענע: מעהר וועט איהר קיין זאַך ניט זאָגען?

זשאַן. (דערציילענדיג ווייטער זיין מעשה) יעדען מאָל איז מיר בעשערט געווען טיעף אַראָפּ צו פאַלען פון דער הויך פון מיין חלום! און יעדען מאָל פּלעג איך אריינפאַלען נאָך אין איין גרעסערע אָרימקייט און ליידען... מען האָט מיר אַרויסגעטריעבען פון ריאָ-זשאַניירא, צוליעב איין שטרייק. איך האָב געזוכט איין ערד-וויקלט אין שפּאַניען, אָבער דאָרטען האָט מען אויף מיר געמסר'ט גלייך...

מען האָט מיר חושד געווען אין איין אַנאַרכיסטישען צונויפֿרייד, מען האָט מיר אַרעסטירט אָהן קיין גרונד און מען האָט מיר פֿער־משפּט נאָר אָהן שום בעווייזען... צוויי לאַנגע יאָהר — ווי האָב איך נאָר ניט איבערגעלאָזען אין די הענד פֿון מיינע היינקער מיין שכל און מיין לעבען — צוויי יאָהר האָב איך זיך געוואַלגערט אין די שרעקליכע געפֿיינגניס פֿון באַרסעלאָן... און אַז איך בין אַרויס־געגאַנגען פֿון דאָרטען האָב איך דערזעהען אין די הענד פֿון דעם המון, וואָס איז געוואָרען ווי ווילדע חיות פֿון בלוט, איך האָב דער־זעהען מיין פֿריינד, בערנאַל דיאַס, געשמידט... דעם קינד מיט א האַרץ פֿון אַ העלד. איך האָב אַייך שוין דערציילט וועגען איהם...

מאַדלענע. יע, אָ, יע... דאָס איז שרעקליך.

זשאַן. איך האָב געשוואָרען זיך נוקם צו זיין פֿאַר איהם.. אָבער אַמאָהל דער מורא... איהר ווייסט דאָך, ווען אין מאָגען איז ליידיג, איז אין האַרצען אויך ליידיג... (אַיין שווייגען)

מאַדלענע. אין נאָכדעם?

זשאַן. נאָכדעם... אַיין פֿערפֿאָלגטער, אָהן אַרבייט, אָהן איין מקום מנוחה, וואָגעלנדיג פֿון איין שטאָדט אין די אַנדערע... שטאַרבענדיג פֿון הונגער... בין איך דערגאַנגען ביז באָרדאָ. און דאָרטען האָט מען מיר אַריינגעוואָרפֿען אין טורמע דערפֿאַר, וואָס איך האָב געגנב'עט ברויט...

מאַדלענע. פֿיעל איהר האָט אויסגעליטען!...

זשאַן. יע, איך האָב געליטען, אָבער ניט אַזוי פֿיעל פֿון די הונגער-טעג, ניט אַזוי פֿון די נעכט, וואָס איך האָב פֿערבראַכט אונטערן הוילען הימעל, ניט אַזוי פֿון די אָרימקייט, וואָס דערהרג'עט די בראָדיאַגעס אויף די וויסטע וועגען, וואו קיינער גייט ניט פֿער־ביי, און אין די שטעדט, וואו מען שטויסט זיי אָפּ, — וויעפֿיל פֿון די טעמפּע גלייכגילטיגקייט פֿון די מענשען, פֿון דעם פֿערשטיין פֿון אָהנמעכטיגקייט איינצולערנען זיי ווי צו זוכען גליק. נאָר מעהר פֿון אַלץ האָב איך געליטען פֿון זיך אַליין... פֿון מיין קליינעם ענטוויק־לונג, פֿון מיין אונוויסענהייט, פֿון די אונבעשטימטע כלאָנזענים, אין וועלכע עס פֿלעגט גיין פֿערלאָרען מיין גאַנצער רייסען זיך צו טהאָן עפּעס. און אָפֿט פֿלעג איך זיך אַליין פֿרעגען, צו האָב איך דאָס רעכט אַרויסצורייסען די אומגליקליכע פֿון דעם פֿינסטערניס פֿון זייער נים־וויסען, כדי ווידער זיי אַראָפּצולאָזען, אפֿשר אין נאָך איין טיעפֿערע פֿינסטערניס, אין וועלכע איך צאַפּעל זיך אַליין מיט אַזוי פֿיעל פּיין... ראָבערט אַרגאַנד איז געווען גערעכט... אָ, קיין זאַך ניט וויסען, אין די מינוטען פֿון בעגייסטערונג זיך אַליין אויס־גליצען אָהן די אייגענע הילפֿסלאָזיגקייט! און צו דערצו נאָך דער שרעקליכער געדאַנק, אַז עס קען זיין אַז אין ערגעץ איז ניטאָ קיין יושר!

מאַדלענע. (מיט היץ) ווי... זשאַן... איהר... איהר, וואָס איהר ווייסט אַזוי פיעל גרויסע וואהרהייטען, וואָס רעדט וועגען אַזוינע שיינע זאַכען, וועלכע עס זיינען נאָר דאָ אין די ביכער.

זשאַן. אין ביכער איז דאָ אַפילו נאַרישקייטען אויך, אָרימע מאַדלענע! (ער גלייכט זיך אויס) אָבער איצטער איז דאָס אַלין געענדיגט... איצט, ווען איך בין געקומען אַהער אָהן האָפנונגען און פערמאַטערט פון אַזוי לאַנג וואַנדערן... ווען איך האָב האָלט געקראָגען דיזע אָרימע שטוב, ווען איך האָב דאָ געפונען איין פאַמיליע, וועלכע איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהאַט... ווען איך האָב אַזוי צאַרט איך ליעב געקראָגען, מעהר, ווי איין פרויענצימער, איך האָב איך ליעב געקראָגען, ווי איין ניי-ערוואָרבענעס גלויבען... יעצט זיינען אַללע מיינע גייסטיגע ליידען, אַלע מיינע ספקות צוזייט... איך געדיינק זיי שוין מעהר ניט... צוזאַממען מיט נייע קרעפטען און מיט אַפלאַמעריגען גלויבען און צוקונפט, האָט זיך צו מיר אומגעקערט מיין גאַנצער פריהערדיגער שטאָלץ אין דאָס האָב איך דיר צו פערדאַנקען, וואָס איך בין געוואָרען איין נייער מענש, ווייל ניט דיר אַליין האָב איך האָלט געקראָגען. דו הערסט? אין דיר האָב איך האָלט געקראָגען די גאַנצע מענשהייט, די גאַנצע צוקונפט און אַללע מיינע וואַנזיניגע חלומות וועגען איהם. (ער נעמט איהר אַרום)

מאַדלענע. (דריקט זיך צו איהם צו) שווייגט, אָ, שווייגט, זשאַן... איהר דאַרפט מיר ניט ריידען אַזעלכע ווערטער... דאָס אַלין איז צו שיין!.. איך טאָר ניט זיין אַזוי גליקליך.

זשאַן. מען קען ביי אונז צונעהמען אַלין, מאַדלענע... אָבער מען קען ביי אונז ניט צונעהמען דעם גליק, וועלכען מיר וועלען זיך אַליין אויסשמידען... מיר וועלען פון היינט אָן ביידע זיין שטאַרק אין קאַמפף מיט'ן לעבען, דו דורך מיר, איך דורך דיר!

מאַדלענע. (שטאַרק בעגייסטערט) דאָס איז אונמעגליך... אונמעגליך!..

זשאַן. ווען איך וועל זיך אומקעהרען אַהיים, אין אונזער וואוינונג, פערמאַטערט פון דער אַרבייט און פון קאַמפף און אפשר איין אויפגעבראַכטער, איין פערצווייפעלטער, בעקלעהר נאָר וואָס פאַר אַ פרייד דאָס וועט זיין, וואָס פאַר אַ ליכטיגער שטראַל!.. דיינע אויגען, מאַדלענע, דיין שטימע, דיין גרויסע האַרץ, מאַדלענע, דיין גרויסער מוטה... מאַדלענע!.. מאַדלענע!..

מאַדלענע. (שוואַך) אָ, זשאַן, זשאַן, צו איז דאָס מעגליך? אַזוינע אָרימע לייט ווי מיר, צו מאָרען מיר גאָר קלעהרען וועגען אַזאַ גליק?!.. און דו דאַרפסט וועגען מיר ניט קלעהרען בעסער, ווי איך בין אין דער אמת'ען...

זשאַן. דו ביזט דער מענש, וואָס אַדאַנק דיר גלויב איך נאָך אין די צוקונפט!..

מאַדלענע. דאָס איז צופיעל... צופיעל... דו צומומעלסט מיר אין גאַנצען... און אויב דאָס איז אונמעגליך? און וואָס וועט זיין אויב דאָס איז מעהר ניט ווי פערבייגעשוואונדען פערביי מיר?.. אָ! איך בין זיכער, איך וואָלט געשטאָרבען... (זשאַן נעמט איהר אַרום אונזיכער. מאַדלענע דריקט זיך צו צו איהם פעסט) פון וואַנען ביזטו געקומען, מיין זשאַן, אויפצוטהאָן דעם נס? איך פיהל זיך אין דיינע אָרעמס שטאַרק און גרינג... איך פיעל מעהר ניט די שווערקייט פון מיין קערפער... און די שווערקייט אויף מיין האַרצען... איך בין גליקליך... גליקליך! (זי וויינט) אָ, דיין האַרץ קלאַפט ווי אַ האַמער!..

זשאַן. רייד מעהר גאָר ניט

מאַדלענע. יע... יע...

זשאַן. רוה זיך אָפּ אויף מיין ברוסט.

מאַדלענע. יע... יע... (אַ שווייגען. מיט אַ שוואַכע שטימע) און דער פאָטער און די קינדער...

זשאַן. (ווינט איהר איין) מיר וועלען זיי היטען... מיר וועלען זיי בעשיצען... (אַ שווייגען).

מאַדלענע. (אַזוי ווי אין חלום) גאָט! מיין גאָט! צו דען איז דאָס מעגליך? (אין מיטען רייסט זי זיך אַרויס פון זיינע אָרימס, גיט אַ שפרונג, הויבט אָן צו קוקען אויף די מוטטערס צימער און זאָגט פערשאָפּעט) און די מוטטער!.. די מוטטער... דאָרטען!..

זשאַן. (האָט זיך געשטעלט און קוקט אויך אַהין) מאַדלענע!

מאַדלענע. איך הער אַ געשרייה... דער פאָטער רופט מיר... (עס הערט זיך אַ פערשטיקטע שטימע: „מאַדלענע! מאַדלענע!) אָ! גָו! אַ צרה!

זשאַן. דער אונגליק האָט געטראָפען! (עס עפענט זיך די טיהר עם בעוויזט זיך לואי טיער, זעהר בלייך, פעראומערט און שאָקעלט זיך).

צעהנטע ערשיינונג.

די זעלבע, לואי טיער.

מאַדלענע. די מוטטער איז געשטאָרבען! די מוטטער איז געשטאָרבען!... (זי גיט זיך אַוואָרף אין צימער. פון דאָרטען הערט זיך איהר שטימע, איהר געוויין, איהרע געשרייען: „מאַמע! מאַמע!..") די מוטטער איז געשטאָרבען!.. (לואי טיער געהט שאָקלענדיג זיך, זשאַן האַלט איהם אונטער און זעצט איהם

אנידער אויף איין שטול, אויף וועלכען מיער פאלט שווער אנידער, דריקענדיג מיט די הענד דעם קאפ. פון פאבריק הערט זיך איין רוישעריי און א קלאפעריי).

עלפטע ערשיינונג.

(זשאן, לואי מיער, די אלטע קאטיאר און עטליכע אלטע ווייבער. די אלטע קאטיאר און 3-2 שכנות בעוויזען זיך אין טיר. דערהערענדיג איין גערויש, קעהרט זשאן אום די קאפ און מאכט זיי איין צייכען, אז דער אונגליק איז שוין פארגעקומען. די ווייבער ענטפערען מיט טרויער-זשעסטען, געהען אוועק שווייגענדיג און פערמאכען הינטער זיך די טיר).

צוועלפטע ערשיינונג.

לואי מיער און זשאן.

זשאן. (נאך איין קורצען שווייגען, שטיהענדיג נעבען לואי מיער) בכן איז שוין אלץ געענדיגט? (פון די מוטערס צימער דערטראגט זיך די וויינענדע שטימע פון מאדלענען. זשאן פערמאכט דארט די טיר און קעהרט זיך אום צו לואי מיער'ן). מיין ארימער מיער!..

לואי מיער. אזא פרוי ווי זי! אזא פרוי!.. איך ווער דערשטיקט... מיר איז ניט גוט... לופט... עפען די טיר... (זשאן עפענט די טיר. די פאבריק פלאמט, איינגעהילט מיט איין אויפגעגליהטען פינקעלנדעז רויך. דא מיט א רוימליכען און דא מיט איין גרינעם. אויפ'ן הימעל איז איין העלער פייער, ווי פון א שרפה. עס הערט זיך א גהינום-גערויש, איין בראזשגענען פון אייזען און דונערנדע קלעפ פון די האמערס. זשאן קעהרט זיך אום צו לואי מיער) אזא פרוי ווי זי! אזא פרוי...

זשאן. (ער לאזט דעם אלטען איניגע מינוטען זיך אפגע-בען מיט זיין צער, נאכדעם ליגט ער איהם זיין האנד אויף די פלייצע). זיי איין מאנסביל, מיין אלטער חבר!.. ניט דו אליין ליידסט דא... גיב א טראכט וועגען מאדלענען... גיב א טראכט וועגען די קינדער... איצטער איז פונקט די צייט פאר דיר ארויסצוווייזען דיין גאנצען מוט און שטארקייט... מען דארף פרובען זיין שטאר-קער פאר'ן מלאך-המות...

לואי מיער. (שאקעלט מיט'ן קאפ) א סוף צו אלץ... א סוף צו אלץ...

זשאן. עס איז געענדיגט פאר דיר... אמת... אבער דערפאר פאר זיי הייבט זיך נאך אלץ אן... הער זיך איין...

נעם צוניף דיינע קרעפטען און גיב אקוק גלייך אין געזיכט דיין צרה... עס איז געקימען די שעה...

לואי טיער. (אביסל איפגערייצט) וואס זשע דארף איך טאן נאך דיין מיינונג?

זשאן. מען דארף ערפילען דעם חוב!

לואי טיער. (דערשראקען) נאר ניט היינט!.. רייד מיט מיר ניט וועגען דעם... ניין, ניין, ניט היינט!..

זשאן. (וויזט איהם אויף דעם צימער, וואו עס ליגט דער מת). ווען זשע, אויב ניט אין דיא מינוט פון צער, קען איך בעסער זיך דורכריידען מיט דיר? איצטער וועסט דו טיעפער דערפיהלען און וועסט פערשטעהן מיינע רייד...

לואי טיער. לאז מיר צורוה... א, לאז מיר צורוה... איך קען ניט, איך קען ניט!..

זשאן. דיא רעבענסט זיך אז דוא מוזט זיין דאנקבאר אנטקעגען דעם בעל-הבית און זיין טאכטער, וועלכע איך וועלט היינט דערשטיקט מיט גרויס פערגעניגען... זייערע טובות האלטען דיר איין? נו, מילא, לאמיר זיך דורכ-ריידען וועגען דעם... שוין 27 יאהר ויא דוא געניסט פון זייערע טובות!.. וואס זשע האסטו פון זייא געוואונען? נויט... חובות.'. און טויט, איינעם נאך דעם אנדערען...

לואי טיער. (פערשטאפט זיך דיא אויערען) לאז מיר צורוה... איך בעט דיר... זעה, איך בעט דיר...

זשאן. אבער בעקלעהר זיך אליין און קוק זיך ארום ארום זיך! דוא שטעהסט איפ'ן שוועל פון עלטער, אויסגעדארט פון דיא דערשטיקענדע ארבייט, האלבדערשטיקט פון דער פערסמ'טע לופט, מיט וועלכען דוא עטעמסט דא... דוא ביזט איצטער נאר א סקעלעט פון אמענשען... דיינע צוויי עלטערע זיהן, וועלכע וואלטען דיר איצטער קענען אונטערשטיצען. . זייא זיינען געשטארבען אט פון דעם (ער וויזט אויף דיא פאבריק), דיין ווייב אויך פון דעם. מאדלענע און דיינע קליינע עופעלעך, וועלכע דארפען האבען לופט, גוטע עסען און פרייליכקייט, כאטש אביסל פרייד און ליכט פון דער זון, וועלכע דארפען האבען אביסל גלויבען און האפנונג... שטארבען אויך פון דעם... פאמעלעך, טאג פאר טאג... און אלץ צוליעב עפעס טובות, וואס ברייגנען נאר מוטווילינע פיין, מעהר ניט, דוא הערסט! צוליעב זייא גיסט דוא אליין איבער אין דיא הענד פון דיינע גזלנים, פון דיא רוצחים פון דיין געזונד... דיין פרייהייט און דעם לעבען פון דיין פאמיליע... פאר ליגען, פאר שענדליכע נדבה, פאר אונניצליכע טראנטעס, פאר דיא ברעקלאך פון זייער טיש, וואס זייא ווארפען דיר צוא פון רחמנות,

כדי צו שטילען דיין הונגער, וויא מען ווארפט צוא איין הונד איין ביין... פאר וואס עקשנס'ט דוא זיך און דוא ווילסט זיך ניט קלאגען און ווילסט ניט געהמען דאס וואס דיר געהערט... דוא ווילסט בלייבען איין צוגעוואוינטע הויז-בהמה, וואס טראגט דעם יאך געדולדיג אנשטאט צו שטעלען זיך העכער און ווערען איין מענש!

לואי טיער. ניין... ניין... ניט היינט!..

זשאן. דוא זאגסט, ניט היינט?!.. טא ווען זשע?.. אויף וועמעס טויט ווארטסט דוא נאך? אין דעם פערשאלטענעם טהאל פון טויט... דא אין דעם ארט פון פיין און שוידערהייטען, דא ליעגט אנ'אמת'ער פערברעכען אין דעם, וואס צייט גאנצע 100 יאהר דערוואגט זיך ניט קיינער אויפהייבען דיא שטימע, אויסגייהענדיג שטיל פון אויסגעמאטערטקייט און הונגער... אויב איך האב געטהאן דאס, וואס איך האב געטהאן... אויב איך האב געקענט געבען צוא פערשטעהן דיא נויטיגקייט פון איין איבערבייטונג, פון איין שטרייק פאר מענשען, וועלכע האבען קיין אנדער זאך ניט פערשטאנען, וויא אריבערצוטראגען דיא פיין און ניט איבעררעדען איין ווארט... אויב מיר האט געלונגען אויפצוטרייסלען דיא אונבעוועגליכע, פערקילטע נשמות, וואס האבען פערלארען דעם מוטה, האב איך דאס געטהאן צוליב דיר, מיין ארימער טיער, צוליעב דיינע נאהענטע, וועלכע איך האב אוועקגעגעבן מיין גאנצע ליעבע, מיין גאנצען מיטלייד! וויא זשע האסט דוא דאס ניט דערפיהלט און וויא האט דאס דיין שכל זיך ניט אנגעצונדען אן דעם פלאם פון מיין שכל? און וויא האסט דוא ראס אליין דורך דיינע צרות, וואס דוא האסט אויסגעליטען, וויא ביזט דוא דאס אליין ניט דערגאנגען צוא דעם, אז דוא זאלסט זיך בעטראכטען: עס זיינען דא אין לעבען אזוינע טרויעריגע און הערא'אישע מאמענטען, ווען מען מוז זיין געגרייט אויף אלץ... ווען מען דארף קענען שטארבען פאר אנדערע...

לואי טיער. (מיט עקשנות, וויא איין קליין קינד) איך פערשטעה... פערשטעה... אבער אלץ ניט היינט... לאז מיך וויינען... רייד מיר מעהר היינט גאר ניט...

זשאן. נו, מילא גוט! אז דוא וועסט מארגען דערזעהן, אז דיין הויז איז פערוויסט און פעריתומ'ט געווארען און עס איז אין איהם ניטא יענע וועלכע דוא האסט ליעב געהאט... דאן וועסט דוא דערזעהן, אז כמעט דא איז ניטא דיא ארימע פערשטארבענע... אבער דער מלאך-המות איז נאך אלץ דא, ער געהט נאך אלץ ארום איבער'ן שטוב... און בייגט זיך איין איבער יענע, וועלכע זיינען נאך געבליעבען מיט דיר... צוא אויף לאנג.

זעהסט דוא, דאָס ווייס איך ניט ... דאַן ווערסט דוא אַליין מיט'ן אייגענעם ווילען קוממען צוא מיר און דוא ווערסט שרייען וועגען נקמה ... דוא ביזט גערעכט ... איך וועל דיר היינט מעהר קיין זאַך ניט זאָגען. רוה זיך אָפּ ... לייג זיך דאָ צוא ... (ער העלפט טיערען זיך שטעלען און האַלט איהם אונטער).

לואי טיער. (פאַרבייגייענדיג פאַרבייא דיא קינדערס בעטלאַך, זאָגט זיך פעראיקענדיג) אָרימע ברעקלעך ... יתומים'לאַך ... אָרימע מאַדלענע ... יע ... דאָס איז אונגערעכט ... אונגערעכטיג! ..

זשאַן. (לייגט איהם אַנידער אויפ'ן סענניק) זעה אַביסל איינשלאָפען ... איך וואָלט דיר ווערלען אַיינוויגען, וויא מען וויגט אַיין קליינע קינדער, שלאָף אַיין ...

לואי טיער. (ווייזט אָן אויף דעם אַנדערן צימער) איך וואָלט איהר וועלען אַקוש טהאָן ... איך האָב איהר קיין קוש ניט געטהאָן ...

זשאַן. דוא ווערסט איהר נאָכדעם אַקוש טהאָן ... איך וועל דיר צופיהרען צוא איהר געלעגער ... שלאָף! ..

לואי טיער. גאָט מיינער! .. גאָט מיינער! .. דאָס איז אונגערעכט, אונגערעכט ... (אין דיא מינוט בעוויזט זיך טיעף אויפ'ן סצענע דיא אַלטע קאַטיאַר מיט אַיין צווייגעל מאַי).

דרייצעהנטע ערשיינונג.

דיא אַלטע קאַטיאַר, צוויא אַלטע ווייבער, לואי טיער, זשאַן.

זשאַן. (ווייזט קאַטיאַר'ען אויפ'ן צימער, די אַלטע געהט אַהין, לייגט אַוועק דעם צווייגעל מאַי, נאָכהער קערט זיא זיך אום און דורכגייהענדיג דורכ'ן סצענע, געהט זיא אַוועק. עס בע-ווייזט זיך נאָך אַנ'אַלטע מיט אַ דאָרן אין האַנד. זשאַן ווייזט איהר אויך דעם צימער. דיא אַלטע לייגט אַוועק דעם דאָרן, קערט זיך אום, געהט דורך דיא סצענע און געהט אַוועק. נאָך אַשכנ'תע בעווייזט זיך און טראָגט גאָר ניט אין האַנד. זיא לאָזט זיך אַראָפּ אויפ'ן שוועל פון צימער אויף די קניע, צלמ'ט זיך איבער, זאָגט שטיל אַיין תפילה, שטעלט זיך און גייט אַוועק).

פיערצעהנטע ערשיינונג.

לואי טיער, זשאַן.

לואי טיער. (הויבט זיך אויף אַביסל) פערמאַך דיא טיהר ... איך קען מעהר ניט קוקען איפ'ן פאַבריק ... איך קען מעהר ניט הערען זיין קלאַפּען ... (זשאַן געהט און פערמאַכט דיא טיהר).

דער פאָרהאַנג פאַלט.

צווייטער אקט.

איין שעהן בעפוצטע מאַסטערקאַיע. איין הויכע צווייאיגע טיר וויט אין צימער איז ברייט אויפגעעפענט און קומט אַרויס אין אַ פּרעכטיגען פּאָרדערצימער, וואָס איז בעלויכטען מיט איין ברייטען איטאַליענישען פּענסטער. אין פּאָרדערצימער זעהט זיך געגילדעטע פּאַרענצען פּון מאַססיווע׳טרעפּ און אויף זיי שטעהען פיגורען, די ווענד זיינען בעשלאָגען מיט פּאַרציימיגע אָביצעס און זיינען בעפוצט מיט בילדער. אין דער מאַסטערסקאַיע אויף רעכטס איז אַ גרויסער איטאַליענישער פּענסטער, אויף לינקס איז א טיר, וואָס איז פּערהאַנגען מיט איין שווערען פּאָרהאַנג, אויסגענייהט מיט זייד, עטליכע געשטעלען מיט בילדער, גרויסע שטיינער מיט סטאַטוען. די ווייסע ווענד זיינען צוגעפוצט מיט אויסגענייהטע קאָוויאָרען, מיט טייערע געוואַנד און מיט לאַנדשאַפטען.

ערשטע ערשיינונג.

די אלטע קאַטיאַר, די פּאַקאַיאָווע.

קאַטיאַר זיצט אין מאַסטערסקאַ׳ע, קוקט פונאַנדער די מעבעל, די קאָווי־יאָרען, די קלייניגקייטען מיט אנ׳אויג, אין וועלכער דער געפיהל פון פערוואונ־דערונג איז צונויפגעמישט מיט בייזקייט. די פּאַקאַיאָווע ווי ס׳ווייזט אויס, קוקט איהר נאָך, אָבער זי מאַכט זיך, אַז זי שטעלט פונאַנדער אין אָרדנונג די קליינע צאַצקעס און פּעררוכט די בלומען אין די וואַזעס. איין פּויזע. די פּאַקאַיאָווע גיט ווען ניט ווען אַ קוק אויף די אַלטע מיט איין שפּאָטיגען שמייכעל, וועלכען זי וויל אפילו ניט פאַרשטעלען.

צווייטע ערשיינונג.

זשענעוויעווע, די אלטע קאַטיאַר.

זשענעוויעווע. איך האָב פּערשפּעטיגט (די אלטע קאַטיאַר נייגט זיך צו איהר מיט כבוד. זשענעוויעווע דערלאַנגט א קוק אויף דעם וואַנדזייגער און גיט אַ געשריי) צוויי אזייגער! שרעק־ליך! (ווענדט זיך צו קאַטיארין) אָבער מיר וועלען דערכאַפּען די פּערלאָרענע צייט. ניין אפשר? (שטעלט אוועק דעם געשטעל צום ריסעווען, גרייט צו די ברעטיל אויף פאַרב).

ק א ט י א ר. (מיט אַ געמאכטען אָבשיי, הינטער וועלכען עס איז נאָך פֿערשטעלט איין שנאה). געוויס, פֿריילין!..

ז ש ע נ ע ו ו י ע ו ו ע. טהוט זיך אָן ווי נעבטען, גיכער, גי־כער! די זאכען ליעגען דאָ. (זי ווייזט אָן אויף דעם פּעקיל, וואָס ליגט אויף דער קאנאַפּע).

ק א ט י א ר. גלייך, פֿריילין. עס געהט אריין אַ לאקיי מיט אַ טאַץ, אויף וועלכען עס שטעהען געטראַנקען און גלעזער. ער שטעלט אוועק דעם טאַץ אויף איין קליינעם טישל און געהט אַוועק).

ז ש ע נ ע ו ו י ע ו ו ע. (אין דער צייט, ווען קאַטיאר בינדט פֿערנאַנדער דעם פּעקיל און טוהט זיך אָן). נו, וואָס הערט זיך?.. אויף דעם מאָל וועט דאכט זיך דער שטרייק ווירקליך פֿאָרקומען. מען קען ניט זאָגען, אַפֿיינע שטיקעל ארבייט!..

ק א ט י א ר (זי קוקט קרום) איך ווייס פֿון קיין זאך ניט, פֿריילין.

ז ש ע נ ע ו ו י ע ו ו ע. ווי ווייסט איהר דאָס קיין זאך ניט?..

ק א ט י א ר. קודם כל, פֿערנעהם איך זיך ניט מיט די זאַ־כען. אָ, איך פֿערנעהם זיך אין גאַנצען ניט מיט דעם!

ז ש ע נ ע ו ו י ע ו ו ע. אָבער איהר קענט דאָך ניט פֿונדעסטוועגען ניט וויסען, אז פּונקט אין דער צייט קומט פֿאָר איין גרויסע פֿער־זאמלונג פֿון די ארבייטער אין פֿאַניע'ס זאַל און עס קען זיין, אז אין א שעה ארום וועט דער שטרייק שוין זיין בעשלאָסען.

ק א ט י א ר. דאָס קען זיין, עס קען זיין... אָבער איך ווייס פֿון קיין זאך ניט... און ווי אזוי קען איך דאָט וויסען?..

ז ש ע נ ע ו ו י ע ו ו ע. פֿונדעסטוועגען... איהר האָט געוויס געמוזט הערען, וואָס דער אָדער יענער רעדט.. ווי האָבען דוכט זיך נעכטען אין אָווענד געגנוג געליאַרימט!.. און די רויטע אַנשלאַ־גען... און די פּראָקלאַמאַציעס!.. די אַלע אימות!

ק אַ ט י אַ ר. געוויס, איך האָב אויך עפּעס וועגען דעם געהערט דאָ און דאָרטען... אָבער איהר ווייסט דאָך, מיין גוטע פֿריילין, צו רעדען אין מיינע יאָהרען... דאָס געהט אַלץ ביי מיר אין איין אויער אריין, אין דעם אַנדערען אַרויס!..

ז ש ע נ ע ו ו י ע ו ו ע. קורץ, איהר ווילט קיין זאך ניט זאָגען?

ק אַ ט י אַ ר. ליעבער גאָט! צו דען רעכענט איהר, אַז זיי וועלען קומען מיר דערצעהלען וועגען זייערע עסקים?.. עס דאַרף שוין אזוי זיין... איהר ווייסט, איך וועל אייך זאָגען וואָס איך מיין... איך רעכען, אַז דאָס איז אַלץ גלאַט אַזוי איין פּלוידער... צום לאַ־כען מעהר ניט... עס וועט גאָר קיין שטרייק ניט זיין... נאָך די תשובה, וואָס אייער פֿאָטער האָט געגעבען די אויסגעוועהלטע זייערע.. וועלען זיי,

זיך געווים בעטראכטען. אט וועט איהר זעהען!.

זשענעוויעווע. און זיי וועלען גוט טהאן... מיין פאַטער האט פערלאָרען אין גאַנצען דעם געדולד, ער האט געטהאָן פאַר זיי אַלץ, וואָס ער האט געקענט... נאָך מעהר, וויפיעל ער האט געקענט... אויב זיי וועלען זיך פערעקשנ׳ען, וועט ער זיי ניט לאָזען אויספיהרען זייער עקשנות!..

קאַטיאַר. אַוודאַי... אַוודאַי.

זשענעוויעווע. און וואָס איז מיט אייער זון?

קאַטיאַר. מיין זון?..

זשענעוויעווע. נו יע, אייער זון! איהר וועט דאָך מיר ניט פערמולירען, אַז איהר ווייסט גאָר ניט בלומרשט, וואָס איז מיט אייער זון?

קאַטיאַר. (אַביסל צומישט) ער איז נאָך גאָר יונג... זיין שכל איז נאָך ניט גענוג שטאַרק, דעריבער לאָזט ער זיך אַריינציהען מיט דאָס, מיט יענץ... אָבער טיעף אין האַרצען, איז ער ניט פון אָרט... גלויבט מיר, ער איז איין וואוילער יונג... אָ, וואָס ס׳איז שייך דערצו!..

זשענעוויעווע. פערקעהרט, ער איז איינער פון ד פערברענטע, ווי עס ווייזט אויס.

קאַטיאַר. ער! אָ, גאָט!.. יענער, וואָס האָט אייך דאָס איבערגעגעבען, פריילין, איז איין נידערטרעכטיגער ליגנער, איהר זאָ׳ט מיר ענטשולדיגען... און ער האָט געוואָלט נור מיר אָנטאָהן שאָדען... איהר וואָלט נאָר הערען מיין זון, ווען ער רעדט וועגען אייך, וועגען אַייער פאָטער... אָ, ער איז אייך זייער איבערגעגעבען, זייער איבערגעגעבען, גלויבט מיר!

זשענעוויעווע. זייער גוט, איהר פערשטעהט דאָך, אַז איך וואָלט אייך ניט געקענט ווייטער רופען צו זיך, ווען אייער זון וואָלט געווען אונזער שונא... איך בין דאָך אַזוי גוט פאַר אַלעמען.

קאַטיאַר. דאָס איז אמת! אָט וואָס עס קען טרעפען, אַז דאָס זיינען עסקים אַביסינקע!

זשענעוויעווע. און מאַרעסענע?.. אין טיער?.. דאַרפען זיי זיך ניט שעמען?...

קאַטיאַר. (מיט איין שטימע, וואָס דריקט גאָר ניט אויס) אָ, וואָס איז שייך דערצו?..

זשענעוויעווע. מענשען, וועלכע מיר האָבען געטהאָן גלערליי טובות... איך וועלכע מיר האָבען אַזוי געקוקט... איהר ווייסט דאָך דאָס, ניט אמת?

קאטיאר. (מיט דער זעלבער שטימע) א..! א..! יע, יע..

זשענעוויעווע. אזא נידעריגקייט פון זייער קאנטן!.. אלין האבען זיי מיר צו פערזאנקען... נו מילא... זאלען זיי געהן איצטער, זי און איהר פאטער, זאגען זיי בעטען זייער זשאן רול... ער וועט זיי העלפען.

קאטיאר. (מיט דער זעלבער שטימע) יע! יע...

זשענעוויעווע. ווער איז דאס דער זשאן רול, וועלכער ווייזט זיך ארויס פאר דעם פיהרער פון דעם גאנצען געדודער?

קאטיאר. איך ווייס ניט. און ווי ווילט איהר, אז איך זאל וויסען!..

זשענעוויעווע. ער איז א שלעכטער מענש... איין אויסוואורף, איין גזלן, איין רוצח! איך האב איהם געזעהען ביי טיער'ן אין דעם טאג, ווען עס איז געשטארבען קלעמאנס. א ווי ער האט דאן א קוק געטאהן אויף מיר, מיט וואס פאר א שרעקליכע אויגען!..

קאטיאר. טאקע?.. אזוי גאר! (ענדיגט זיך אנצוטאהן). פריילין זשענעוויעווע, איך בין פארטיג.

זשענעוויעווע. גאנץ גוט. לאמיר נעהמען ארבייטען. דאס וועט זיין בעסער, ווי רעדען אוננוצליכע דבורים און פערליערען צייט אומזיסט. מעהר ניט... וואס זשע ווילען זיי? איך וואלט וועלן וויסען, וואס דערשלאגען זיי זיך?..

קאטיאר. (קוועטשט מיט די פלייצעם). אידאי וואס פערלאנגען זיי?.. (אין די מינוט געהט אריין ראבערט).

דריטע ערשיינונג.

ראבערט, זשענעוויעווע, די אלטע קאטיאר

זשענעוויעווע. (מיט פערדרוס) אך, דאס ביזט דו?

ראבערט. (צו דער אלטער קאטיאר, וועלכע בעגריסט איהם). גוט מארגען, באבינקע קאטיאר! (זשענעוויעווע'ן) איך שטער דיר?

זשענעוויעווע. ניין... אבער וואס האסט דו געלאזט די געסט אליין?

ראבערט. מיר איז געווארען מיט זיי אינמעגליך צו פערבלייבען!

זשענעוויעווע. דו וועסט אנהייבען צו רעדען מיט מיר און דאס שטערט מיר, ווען איך ארבייט. (ראבערט געהט צו צום געשטעל. זשענעוויעווע קעהרט אום דעם ליאנד, אויף וועלכען זי נאלט, אויף דעם אנדערן זייט). וואס קוקסט דו? מען דארף

גיפ, מען דאַרף ניט, איך וויל ניט... דו וועסט נאָך ווייטער אָפּ־לאַכען פֿון מיר (צו קאַטיאַר'ן) נו, וואָס, איהר זייט שוין פֿאַרטיג?.. און די קאָרב מיט אַפּעלסינען?.. (קאַטיאַר מאַכט מיט'ן האַנד א צייכען, אז זי האָט פֿערגעסען און געהט נאָך די קאָרב מיט אַפּעל־סינען צום אַלמער טיעף אין צימער).

ראָבערט. מיין ליעבע זשענעוויעווע, דיינע פֿריינד רעגען מיר אויף... זיי פּייניגען מיר פּשוט... איך האָב מורא געהאַט, אז איך וועל זיך ניט דערוואַרטען צום סוף פֿריהשטיק... און ווען איך וואָלט ניט אַנטלויפֿען פֿון ביליאַרד־צימער, וואו זיי טרינקען קאַווע און פֿיהרען אַ געשפּרעך וועגען פֿרויען, וועגען די אייביג־קייט פֿון דער נשמה, וועגען דעם פּאַפּסט'ס סאָציאַליזמוס, וועגען יאַגד און וועגען פֿערד, וואָלט איך זיך געוויס ניט איינגעהאַלטען... דאָ קומען פּאָר שרעקליכע זאַכען און אָט מיט וואָס זיי בעשעפֿ־מיגען זיך!... ווי קען דאָס מעהר ניט דער פֿאָטער זיך אַרומ־פֿיהרען מיט אַזעלכע טפּשים?

זשענעוויעווע. ערשטענס, דו... דו רופֿסט שטענדיג אַלעמען נאַראָ־ני!... אָבער צו ווייסט דו, אז איידער זיי וועלען אַוועקפֿאָהרען, וועלען זיי נאָך אַריינגעהן אַהער?

ראָבערט. אָ, זיי וועלען דאָ ריידען וועגען קונסט... זיי האָבען דאָך אויך זייער קוק אויף קונסט... אָבער דאָ וועלען זיי שוין ניט זיין אַזוי העסליך, זיי וועלען נאָר זיין לעבערליך... זייער לעבערליכקייט גיט מיר צו כח און גלויבען אין זיך. (די אַלטע קאַטיאַר קעהרט זיך אום, טראָגענדיג די קאָרב מיט אַפּעלסינען).

זשענעוויעווע. נו, גוט, נעהם איין בוך, לייען... און שוויג (צו קאַטיאַר'ן). איצטער דאַרפֿען מיר זיך ביידע נעהמען צו דער אַרביט. (ראָבערט זעצט זיך אויף'ן קאַנאַפּע. זשענעוויעווע זעצט זיך אַוועק נעגען געשטעל אויף צו מאָלען און שטעלט איהם איין אויף אַנ'אָרט. זי ווענדט זיך צו ראָבערט'ן) נו? דו לייענסט?...

ראָבערט. (ערנסט און דאַד אַביסל מיט שפּאַס) איך לייען אין דיין נשמה.

זשענעוויעווע. עס איז פֿון דיר ניט צו דערהאַלטען!.. (אַ שווייגען. די אַלטע קאַטיאַר שטעלט זיך אין אַ פּאַסיגע פּאָזע. זשענעוויעווע קוקט אויף די נאַטורשציצע און אויף דעם בילד, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּף). ניט אינגאַנצען ווי מען דאַרף... קעהרט אום די קאָפּף אַביסל מעהר אויף לינקס, בייגט איהר איין אַביסל מעהר.. נאָך... אַזוי איז גוט... זהער גוט... ריהרט זיך ניט מעהר איצטער... (זי שטעלט זיך, פֿערריכט די קנייטשען אויף קאַטיאַרס קלייד און קיקט, צו עס קומט גוט אַרויס; מיט אַ מינע אין מיט זשעסטען פֿון אַ מאַלער), ווי שעהן זי איז!.. וואָס פֿאַר אַ מינע, וואָס פֿאַר אַ צוגעטראָפֿענער טיפּ... וועלכע... וואָס פֿאַר אַקאָנטו־

דען... (זי ענדיגט די ווערטער מיט אַ מאַך מיט׳ן האַנד, הויבט נאָכדעם אָן צו מאָלען. אַ שווייגען). אָ, די וואונדערליכע דינגע פֿאַרבען פֿון אַלטע העלפֿאַנדביין!... די אויסגעצעהרטע, אויסגעטריקענטע ציקנייטישטע געזיכט... די מאָגערקייט!.. וואָס פֿאַר אַ שעהנהייט!.. (פויזע. אין איינינע מינוט אַרום ווערט זשענעוויעווע׳ס געזיכט פֿערוואַלקענט. זי לייגט אַוועק די ברעטעל פֿאַרב אויף די קניע. זי איז מעהר אויפֿמערקזאַם און ערנסט). ניין... ניין, דאָס איז שוין גאָר אַנדערש... איך ווייס ניט, וואָס איז דאָ היינט! באַבינקע קאַטיאַר... ביי אייך איז גאָר ניט דער אויסדריק, גאָר ניט די מינע... היינט איז אייער געזיכט שטרענג און בייז (קאַטיאַר בייט די מינע פֿון געזיכט) אָבער ניין... ניין... גאָר ניט דאָס... ביי אייך איז היינט גאָר ניט די מינע... מאַכט איין אומעטיגע מינע... גאָר גאָר איין אומעטיגע... איהר דאַרפֿט ניט זיין בייז... איהר דאַרפֿט זיין זהער, זהער פֿערטרויערט... דערמאָנט זיך, וואָס איך האָב אייך געזאָגט... מאַכט אַזאַ געזיכט, אַזוי ווי איהר וואָלט האָבען אַ פֿולע צרות... אַ פֿולע צער... קלעמענעס... מאַכט אַזאַ געזיכט, ווי איהר וואָלט וויינען... (קאַטיאַר׳ס געזיכט בעקומט איין שרעקליך בייזע מינע. זי שטעלט אויס אויף זשענעוויעווען אויגען, וואָס ברענען ווי ביי איין וואָלף. ראָבערט, וואָס האָט געקוקט די גאַנצע סצענע, הויבט זיך אויף פֿון קאַנאַפּע). נו, וואָס, איהר פֿערשטעהט מיר ניט... (מיט אונגעדולד). מאַכט זיך, אַז איהר וויינט... דאָס איז דאָך גאָר ניט אַזוי שווער... (דער אַנגעגריפֿענער און אונבעוועגליכער קוק פֿון די אַלטע צומישט אַזוי זשענעוויעווען, אַז זי מהוט אַ ציטער, הויבט זיך אויף מיט אַ מאָל פֿון שטול און טרעט אָפּ אַביסל צוריק). וואָס קוקט איהר אויף מיר אַזוי?.. איהר האָט אויף מיר פֿריהער קיינמאָל אַזוי ניט געקוקט! אפֿשר זייט איהר קראַנק?..

ראָבערט. (ער רייסט איבער מיט אַ שטרענגען קול). זשענעוויעווע!..

זשענעוויעווע. (אויפֿגערעגט) וואָס ווילסט דו?

ראָבערט. דו ביזט היינט צו נערוועז... דו ביזט אין אַ צו שלעכטען געמיט אויף צו אַרבייטען... און איהר, באַבינקע קאַטיאַר, געהט אַהיים. (קאַטיאַר קוקט איצטער אויף זשענעוויעווען און ראָבערט׳ן מיט אַ טעמפּען קוק). דאָס וועט זיין בעסער, גלייבט מיר!.. (די אַלטע קאַטיאַר שטעלט זיך און טוט זיך אויס)

זשענעוויעווע. צו וואָס טהוסט דו דאָס? ... רעדסט דו דאָס?

ראָבערט. (מיט אַ בעפֿעהל) איך בעט ... ניט בעגעהן זיך נאָך שאַרפֿער...

זשענעוויעווע. (לייגט אַוועק איפֿן טיש

ברעטעל מיט די פענזלאך און בעצאָהלט קאַטיאַר׳ן). בבן וועט איהר מאָרגען קומען?..

ראָבערט (בעלעבט). זי וועט מעהר אַהער ניט קומען.

זשענעוויעווע. (אונגעדולדיג און צומישט). אָבער פאַר וואָס?..

ראָבערט. (רייסט איהר איבער) שש...

זשענעוויעווע. דו ביזט משוגע געוואָרען?.. וואָס טהוט זיך דאָ מיט דיר?.. ראָבערט! אך, ראָבערט. דו אויך?.. דו האָסט אויך אַזוינע בייזע אויגען?..

קאַטיאַר. (זי האָט אויסגעטהאָן דעם פאַרטוך, די שטיינגע און וויל אַוועקגעהן) פריילין.. הערר ראָבערט... האָט קיין פעראיבעל ניט...

ראָבערט. געהט זיך געזונדערהייט, באַבינקע קאַטיאַר און טראָגט מיט זיך ניט אַוועק צו פיעל שנאה צו אינזער שטוב! (די אַלטע קאַטיאַר געהט אַוועק פאַמעליך מיט שווערע טריט, מיט אַזאַ אויסזעהן, ווי זי וואָלט גאָר ניט פערשטעהן. זשענעוויעווע קלינגט, עס געהט אַריין די פאָקאָיאָווע און בעגלייט די אַלטע קאַטיאַר. ווען קאַטיאַר געהט אַוועק, בעווייזט זיך ווידער איהר שטרענגע געזיכט דורכ׳ן גרויסען העלען פענסטער פון פאָדערשטוב).

פיערטע ערשיינונג.

ראבערט, זשענעוויעווע.

זשענעוויעווע. (אין כעס, ווישט אָב די טרערען פון די אויגען) אַזוי ערניעדריגען מיר... פאַר די אַלטע שלעפּערקע.. אָ!..

ראָבערט. זשענעוויעווע!

זשענעוויעווע. איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז דו ביזט דערצו פעהיג. (זי וויינט זיך פערנאַנדער) דו ביזט מסתמא שוין אין גאַנצען אַראָפּ פון זינען?.. דאָס איז נידערטרעכטיג.. נידערטרעכטיג.. וואָס וועט זי קלערען וועגען מיר? וואָס וועט זי זאָגען וועגען מיר?

ראָבערט. וויין ניט! מען דאַרף ניט, אַז זיי זאָלען בעמערקען אַז דו האָסט געוויינט, ווען זיי וועלען קומען אַהער!... הער מיר אויס.. ווען דו וואָלסט געווען אַ גרויסער קינסטלער... ווען די וואָלסט געקענט ברייננגען אַ מתנה דער גאַנצער וועלט אַזאַ ווערק, אין וועלכען עס וואָלט זיך אָפּגעשפּיגעלט דער גאַנצער ליידען און מיטלייד.. דאַן וואָלט דאָס געווען זהער גוט!.. אָבער כדי פערנאַנדער־צוטרייבען דעם אומעט פון דעם ליידינגעהערשען לעבען אָרער נאָכצוגעבען דעם פוסטען יאָגען זיך

נאָך כבוד... אזוי שפּיעלען זיך מיט די צרות און מיט די נויט פֿון דעם אָרעמען... איך זאָג דיר, דאָס איז זעהר שרעקליך... דאָס פּאַסט ניט פֿאַר איין איידעלע נשמה!..

זשעניעוויעווע. (בעליידיגט) איך גיב זיך גאָר ניט אָן פֿאַר איין גרויסען מאָלער... אָבער דאָך די נאַגראַדע, וואָס איך האָב בעקומען אויף די קינסטלערישע אויסשטעלונג, דאָס איז דאָך עפּעס ווערט, אַזוי דוכט מיר.

ראָבערט. עלענדע קינד!

זשעניעוויעווע. דו רעגסט אויף... רעגסט מיר אויף...
ערשטענס האָב איך דיר ניט געבעטען קומען צו מיר, דאָ בין איך ביי זיך... נאָך וואָס ביזט דו געקומען?

ראָבערט. (זעהר ווייך) איך וואָלט וועלען, דו זאָלסט מיר פֿערשטעהן... זשעניעוויעווע, דערמאָהן זיך אָן אונזער וואונדערבאַרע מוטער, וואָס איהרע מדות טובות האָבען אַזוי לאַנג בעשיצט די שטוב פֿון אונגליקליכע געשעהניסען, וואָס קענען יעצט זיין געפֿעהרליך.

זשעניעוויעווע. בכן, טאָ וואָס זשע איז?

ראָבערט. בכן האָט זי דיר געלאָזען בירושה איין גרויסען חוב, די שענסטע און די מילדעסטע שליחות, וואָס די פֿרוי דאַרף ערפֿיהלען... איינהאַלטען די בעטריינקונג מיט דעם כח, זיך איינשטעלען פֿאַר שוואַכע... אויפֿקלעהרען די אונוויסענדע און פֿערגרעבטע. אָט די התחיבות — איך פֿאָדער ניט ביי דיר, אַז דו זאָלסט איהר ערפֿילען, ווי אונזער מוטער, אַז דו זאָלסט אין גאַנצען פֿערגעסען אן זיך — אָבער בעקלעהר זיך, ווי דו פֿיהרסט איהר דורך?

זשעניעוויעווע. און דו, וואָס דו ביזט ענטלאָפֿען פֿון די עלטערנ'ס הויז; וואָס דיין לעבען, דיין לעבען פֿון איין משומד, שאַפֿט דעם גרעסטען צער אונזער פֿאָטער... דיר פּאַסט טאַקי צו רעדען פֿפֿליכטען!..

ראָבערט. (שטריינג) איך זעה צו ערפֿילען מיין פֿפֿליכט אין איין אַנדער אַרט, נאָך מיינע כחות און ניט דאָ, וואו איך בין ניט בכח צו טהאָן עפּעס... דו אָבער דאַרפֿסט ערפֿילען דיין חוב נאָר דאָ.

זשעניעוויעווע. איך טהו וואָס איך קען, איך בין צו אַלעמען גוט... איך טהו אַלעמען טובות... און מיך האָבען אַללע פֿיינד!..

ראָבערט. מען דאַרף קענען געבען ניט נאָר געלד, מיין אָרימע זשעניעוויעווע... מען דאַרף אויך אריינגעהן אין יענעט'ס לאַגע... מען דאַרף געבען האָפֿנונג... און ליעבע.

זשענעוויעווע. זאג שוין בעסער אהן קונצען, אז איך בין אשלעכטע!

ראבערט. ניין, דו ביזט ניט קיין שלעכטע, אבער דו ווייסט ניט ווי צו ליעבען... אונזער מוטער — יענע, האט דאס געקענט... איהר היילינער משל איז פארבייגעגאנגען פאר אונז אהן נוצען!.. (ער נעמט זשענעוויעווע'ס האנד און ציהט איהר צו צו זיך). א! ווען איך וואלט דאס געקענט איבערגיסען אטייל פון מיינע געדאנקען אין דיין קאפ... (זשענעוויעווע ווערט אביסעל וועיכער און בערוהיגט זיך)... אשטיקעל פון אונזער מוטער'ס נשמה אין דיין נשמה...

זשענעוויעווע. מיר איז דא אומעטיג און די אלע מענשען ווארפען אויף מיר אמורא... זיי זיינען שלעכטע...

ראבערט. דאס איז דערפאר, וואס דו שטעהסט פון זיי צו וויט.. עס איז גאר ניטא קיין שלעכטע הערצער.. עס זיינען נאר דא הערצער, וואס זיינען צו וויט איינע פון די אנדערע.. און וואס פערשטעהען דעריבער ניט איינע די אנדערע... הערצער, וואס זיינען אבגעטיילט מיט אמהלך... אין דעם ליעגט דאס דער גרויסער אומגליק. (שטייען אויף די טרעפ). דיינע פריינד... גייהען... וויש אויס די אויגען, גיב אשמייכעל. איהר). זיי ניט אומעטיג...

זשענעוויעווע. ווי ווילסט דו אז איך זאל ניט זיין אומעטיג, אז דו רעדסט מיט מיר אזוי? דו רעדסט מיט מיר אזויגע זאכען, וועלכע איך קען ניט פערשטעהן

ראבערט. ווייל דיין נשמה איז ניט דארטען, וואו מיינע... מיר קוקען פון פערשיעדענע זייטען אויף דיא מענשליכע צרות.

זשענעוויעווע. (פערקלעהרט, סטארעוועט זיך צו פערשטעהן. פון פערשיעדענע זייטען אויף דיא צרות... (עס גייהען אריין קאפראן, דיוארמעל און דעלאטרוד).

פינפטע ערשיינונג.

די זעלבע, קאפראן, דיוארמעל, דעלאטרוד.

דיוארמעל. מיר האבען גערעכענט אייך צו טרעפען אין מיטען דער ארבייט, פריילין.

קאפראן. אין העכסטען בעגייסטערונג!

זשענעוויעווע. עס געהט בייא מיר היינט ניט די ארבייט, איך האב אוועקגעשיקט מיין נאטורשציצע. (ראבערט איז אפגעגאנגען צום גרויסען פענסטער און קוקט כלומרשט פענאנדער פון דארטען דעם גרויסארטיגען לאנדשאפט).

דעלאטרוד. (קוקט דורך די סקיצצען אויף די ווענד).

איהר זייט נאָך אַלץ אַיין רעוואָלוציאָנערקע, מַיין ליעבע זשענעוויעווע. אפילו איין אימפּרעססיאָניסטקע, איך וועל האָבען די העזה אזוי זיך אויסצודריקען.. ראָז.. בלוי... און וואָס איז דאָס? (ווייזט אויף איין בילד) אַמיהל?

זשענעוויעווע. אָ, העכער דעלאַטרוד! איהר זעהט דאָך, דאָס איז איין אַלטע פרוי, וואָס קלייבט האָלץ!

דעלאַטרוד. טאַקע? עס קען ניט זיין. (ער טראגט צו צו די אויגען איין לאָרנעט און קוקט זיך איין בעסער). אמת!.. וואָס קען מען מאַכען? אויפ'ן ערשטען בליק איז ביי מיר אויסגעקומען, אַז דאָס איז אַמיהל. אייגענטליך, דאָס איז די נייע שטה... איך בין אין איהר ניט קלאָר. דער ים... אַלטע פרויען, וואָס קלייבען האָלץ.. מילען.. גערטנער.. אַסטאַדע באַראַנעס, שווערע וואָלקענס, דאָס איז אַלץ איינס... ענטשולדיגט, וואָס איך וועל אייך זאָגען אָפען, מיין ליעב קינד, אָבער איהר ווייסט, אַז אין מאַלעריי, ווי אויך אין פּאָליטיקע און ווי אין אַלצדינג... איך, אַלטער נאַר, איך האַלט זיך מיר פאַר די אַלטע דרכים! אָבער דאָס איז אַלץ זייער שיין... פיעל ליכטיגקייט.. טאַלאַנט!.. (קוקט פערנאַנדער אַנדערע קליינע בילדער). זייער אינטערעסאַנט!..

קאַפּראָן. הערט איהם ניט.. ער האָט בכלל האָלט אייך צו רייצען. צו דער צו איז נאָך אונזער פריינד דעלאַטרוד, דאָס וואָס די קינסטלער רופען אָן אַ „פלשתי".

דעלאַטרוד. איך שטאָלציר מיט דעם.

קאַפּראָן. ער שטאָלצירט מיט דעם!..

זשענעוויעווע. (צו דיואָרמעלען). איהר וועט אפשר אויסטרינקען אַגלאָז ביער, העדר דיואָרמעל?

דיואָרמעל. מיט פערגעניגען, פריילין. (זשענעוויעווע גיסט איהם אָן ביער). איך דאַנק.

זשענעוויעווע. פאַר וואָס איז דער פאָטער ניט גע־קומען מיט אייך צוזאַמען?

דיואָרמעל. אַרגאַנד איז פערנומען מיט מעגרע'ן.. ער וועט מסתמא קומען אַהער אין אַפּאָר מינוט אַרום.

זשענעוויעווע. איהר ווייסט אפשר עפּעס נייעס?

דיואָרמעל. מעגרע האָט געווים געבראַכט עפּעס נייעס, מיר וועלען זיך באַלד דערוויסען.

זשענעוויעווע. מיר מוטשעט דער אומגעדולד און... די מורא.

דיואָרמעל. אמת, דאָס איז זעהר ניט צו דער צייט,

איך האָב מורא, אַז איך וועל דאַרפֿען אָפּלייגען די גרויסע יאַגד, וועלכע איך האָב געוואָלט מאַכען פֿאַר אייך...

זשענעוויעווע. איהר זייט זעהר צוטראָגען, ניין אפשר?..

דיואָרמעל. זעהר! ניין.. איך מיין ניט, אַז עס זאָל אויסקומען זיך זעהר צו בעאומרוהיגען.. געוויס, וועט דער גאַנצער געגענד זיין צורודערט צייט איניגע טעג...

זשענעוויעווע. דער פֿאָטער קוקט פֿונדעסטוועגען אויף דעם ערנסטער.

דיואָרמעל. אַרגאַנד איז אַ פּעסימיסט, ער שטעלט זיך אָפּט אַליין פֿאָר דאָס, וואָס איז אין אמת'ן גאָר ניטאָ.. די בעוועגונג איז מעהר פֿון אויבען און ניט אין דער טיעף.

קאַפּראָן. פֿון וואַנען האָט זיך אָבער ארויסגערופֿען דער שטרייק דאָ, וואו ער איז קיינמאָל ניט געווען? אָט דאָס איז אַשאלה...

דיואָרמעל. אודאי!

דעלאַטרוד. (זעצט זיך נעבען זשענעוויעווע'ן) אַודאי אזוי!..

קאַפּראָן. לאָמיר אפֿילו דערלאָזען... אַ שטרייק... גוט, אָבער וואָס איז אַזוי אַשטרייק? בפרט, ווען מען זאָל זיך פֿון אָנהויב אָן ענערגיש שטעלען אַנטקעגען און קיין זאַך ניט נאָכגעבען... קיין זאַך בשום אופֿן ניט נאָכגעבען!.. וואָס קענען טהאָן די גאָרנישטען אַנטקעגען די היגאַנטישע אינדוסטריעלע און געלדיגע מאַכט פֿון אַרגאַנדען. צו וועט ער נאָר האָבען די נויטיגע שטייפֿקייט דערצו?.

זשענעוויעווע. (גיך) ביי אייך איז אין דעם אַ ספק?

קאַפּראָ. ניין, פֿריילין.. איך האָב זיך, פֿערשטעהט איהר מיך, שלעכט אויסגעדריקט... ביי מיר איז קיין ספק ניט אין די ענערגיע פֿון אייער פֿאָטער... פֿערקעהרט, ער איז זייער איין ענטשלאָסענער און איין דרייסטער מענש.. ער האָט אינז צעהנדליגע מאָהל געגעבען איין בעווייז פֿון זיין וואונדערבאַרער שטייפֿקייט. אמת טאַקע, אָבער דאָך איז ער אַליין אַביסל שולדיג אין דעם, וואָס דאָ קומט פֿאָר...

זשענעוויעווע. ווי אַזוי איז דאָס?

קאַפּראָן. ער איז אויך אַ גרויסער פֿאַנטאַזיאָר!.. ער גלויבט אין די מעגליכקייט צו פֿערליידען די נידעריגערע קלאַססען! (ער הויבט אויף די הענד צום הימעל).. גלויבען אין די זיטליכע פֿערבעסערונג פֿון די אַרבייטער. וואָס פֿאַר אַ טעות!.

זשענעוויעווע. אַלענפֿאַלס איז דאָס דאָך איין אייערער טעות

קאפראן. איהר נארט זיך, פריילין, עס זיינען ניטא קיין אידעלע טעות'ן. עס זיינען דא פראסטע טעות'ן. דערהויפט איז דאס וואס ער האט דערלאזען אויף זיינע פאבריקען אפילו איבעריגע זאכען.. ער האט דערלאזען זיך ענטוויקלען פערשידענע פעראיינען, אססאציאציעס, וואס הרג'ענען אוועק די ארבייט.. פערשוואכען דעם גלויבען אין דעם בעל-הבית.. און זיינען נאר קערנער פון רעוואלוציאן. פרובט געבען דעם ארבייטער פאר 20 גראשען וואלטאג אין פרייהייט, און ער וועט דאס אנהויבען זיך פאדערען פאר 20 פראנק. דאס איז אזוי ריכטיג ווי צוויי מאל צוויי איז פיער.

דיוארמעל. דאס הייגנט אפ..

קאפראן. פון וואס הייגנט דאס אפ?.. ניין.. ניין.. לאזט נאר אפ די לייצעס.. און ער וועט גלייך פענאנדערטראגען... ער וועט פערבייסען דעם צאהם און וועט זיך אלאז טהאן אליין ניט וויסענדיג וואהין... און וועט אנהייבען אלין ברעכען, שלאגען... איך האב דאס לאנג צוגעזעהען (מיט איין זיכערע און ווירדיגע שטימע). דער פראלעטאריער איז אלוא אבהמה, וואס לאזט זיך ניט ערציעהען, ניט ארגאניזירען.. מען קען איהם איינהאלטען מעהר ניט מיט איין תנאי, מען דארף שטארקער אנציהען ביי איהם אין מויל די לייצעס און ארבייטען מיט'ן ביטש.. איך האב דאס אלין געזאגט ארגאנד'ן, ווייל ער מיט זיינע איינגערעדטע געדאנקען וועגען עמאנסיפאציע, מיט זיינע קאאפעראטיווע פעקארניעס, יאטקעס, פראפעסיאנעלע שולען, הילפס-קאססען, פענסיאן-קאססען, פערזארגונגס-געזעלשאפטען און מיט די אלע זיינע סאציאליסטישע פלוידערייען, היין-רייד, יע, יע, סאציאליסטישע, אנשטאט צו פערשטארקען זיין מאכט, פלעגט ער ריזיקירען אפשלאפען איהר אדער איהר גאר פערליערען.. ער האט געמאכט שווער און געפעהרליך אונזער אלעמענס לאגע, ווייל מיר האבען ווילענדיג ניט ווילענדיג געמוזט איהם נאכטהאן.. איצטער וועט ער שוין צושטימען, אז איך בין געוועזען גערעכט... (דערזעהענדיג זשענעוויעווע'ס אריהר) בעמערקט אייך, פריילין, אז היינטיגען מאל גלויב איך ניט, אז עס וועט זיין א שטרייק! איך רעכען אויך, ווי דיוארמעל, אז דאס איז איין געמאכטע בעוועגונג... אז ס'האט ניט קיין ערנסטען גרונד.. און דעריבער וועט איהר זיין גרינג איינצושטעלען.. אבער איך וואלט וועלען, אז דאס זאל זיין פיר אונזער פריינד איין התראה און איין אנלערנונג, ער זאל שוין צום סוף פערשטיין, אז עס איז ניטא קיין אנדערע עצה ווי צו געוועלטיגען איבער די חיות, ווי פערציהען שטייפער די לייצעס.. שטארקער צושרויפען דעם צוואנג, ווי זיי זאגען. (ער מאכט מיט'ן האנד, אזוי ווי ער וואלט פערשרויפען איין גווינט). מען דארף גוט.. שטארק.. אהן רחמנות צוקוועטשען...

דעלאטרוד. פרינציפיעל און בכלל גערעדט, זייט איהר

גערעכט, מיין ליעבער קאַפּראָן.. האָטש מען קען אייך אַפּילו ענטפערן אַפּילע, אָבער דאָ איז איין בעזונדערע לאַגע... גאָט צו דאַנקען, די נייע אידעען זיינען נאָך ניט אַריינגעקראָכען זייער וויט צו אונז. די פיהרער האָבען ניט קיין ווירקונג אויף די דעות פון אונזערע גוטע אַרבייטער!..

קאַפּראָן. אונזערע גוטע אַרבייטער?.. הם... הם... אַזוי רעכענט איהר?.

דעלאַטרוד. געוויס.

קאַפּראָן. און דער זשאַן רול, וואָס האָט אין אַ פּאָר טעג געקענט אויפהייבען פינף טויזענד אַרבייטער... פינף טויזענד אַרבייטער, וואָס האָבען ביז אַהעו' ניט געוואָלט גאָר הערען פון יעדע אָגריייצונגען, פון יעדע אויפרופען זיך צו שטעלען געגען?

דעלאַטרוד. זשאַן רול?! איין באַלבעטון, איין פאַנטאַזיאָר. איהר גלויבט דאָך אַליין ניט אין די בעוועגונג?

קאַפּראָן. געוויס... געוויס... פון דעסטוועגען, איז אַרגאַנד אַליין מסכים, אַז דער מענש האָט אַ ווירקונג אויף די אַרבייטער; ער פערזיכערט, אַז ער האָט אַ קראַפט צו ריידען.. ער קען צוציהען מענשען.. ער האָט די פיהיגקייט צו פריידיגען זעלבסט-אָפּפּערונג און גרויס מוטה! דאָס איז נאָך מעהר, וויפיעל מען דאַרף, זייט זיכער, מיין טייערער דעלאַטרוד, כדי צו פערסמ'ען די גאַנצע געגענד!

דעלאַטרוד. ניין, דאָס זיינען נאָר אַלץ אַריסטאָקראַטישע און בורזשואַזע מעלות,. זיי קענען ניט בעגייסטער'ן דעם פשוטען אַרבייטער.

זשענעוויעווע. איך מיין אַנדערס, ווי איהר.. איך קען דעם זשאַן רול!.. ער איז איין שרעקליכער מענש!

דעלאַטרוד. ניין, מיין ליעבע זשענעוויעווע, אומזיסט שרעקט איהר זיך... אין עצם, זיינען די מענשען גאָר ניט... מענשען קען מען אַלע מאָל איינגעהמען... די אידעען זיינען שרעקליך... פון דעם זייט איז דאָ די לאַגע, איך זאָג נאָך אַמאָל, די לאַגע איז דאָ זעהר גוט. אייף וואָס, למשל, קענען זיך די אַרבייטער קלאָגען?... זיי זיינען דאָ גליקליך...

קאַפּראָן. צו גליקליך... אָט דאָס איז דאָך דער קלאָג...

דעלאַטרוד. זיי האָבען אַלץ וואָס מען דאַרף... גוטע שכירות... גוטע דירות... אַ געוויסע פערזיכערונג... און סינדיקאַטען, וואָס איך געפין אויך פאַר צופיעל, מיין ליעבער קאַפּראָן!

קאַפּראָן. זאָגט בעסער, אַז דאָס איז איין סקאַנדאַל... איין משוגה'דיגע זאַך. (ער ווערט אַביסל אויפגערעגט). ווי... אַ

אַרבייטער... פּראָסטע אַרבייטער, מענשען אָהן בילדונג... אָהן זיטליכקייט, וואָס האָבען קיין פֿעראַנטוואָרטליכקייט אויף זיך ניט, קיינע התחיבות'ן אין לעבען... מענשען, וואָס האָבען קיין גראָשען ניט, מענשען, וואָס עסען אויף, אָדער בעסער געזאָגט, וואָס פֿערשכור'ן אַלץ, וואָס זיי פֿערדיענען.. ווי נאָר זיי פֿערדיענען עפּעס.. אַז זיי זאָלען אויך האָבען דאָס רעכט צו מאַכען סינדיקאַטען, אַזוי ווי מיר, בעלי-הבתים... זיך פֿערטיידיגען געגען אונז? איידער דערלאָזען אַזאַ אונמעסיגע, אַזאַ געגען-געזעלשאַפֿטליכע רעכט... וואָלט איך בעסער פֿערברענען מיינע פֿאַבריקען.. יע, איך וואָלט זיי פֿערברענט מיט מיינע אייגענע הענד. (ער זעהט, ווי ראָבערט טהוט זיך אַריהר). אָ-אָ! איך פֿערשטיי... איהר ווילט מיר עפּעס זאָגען אַנטקעגען...

ר אָ ב ע ר ט. (זעהר קאַלט) איך, מיין הערר, איך וויל אייך גאָרנישט ענטפֿער'ן... איך הער זיך מעהר ניט צו... רעדט ווייטער!

ק אַ פּ ר אָ ן. טע-טע-טע! איהר ווילט זאָגען, די מיינונגען בייטען זיך, אַז זיי האָבען זיך שוין געביטען... אַז זיי וועלען זיך נאָך בייטען... אמת?

ר אָ ב ע ר ט (זייער אונבעשטימט). אויב איהר ווילט... זאָל זיין אַזוי.

ק אַ פּ ר אָ ן. נו, פֿאַר מיר איז דאָס אַלץ איינס!.. איך וויל נור בעווייזען דאָס, אַז דער אינטערעס איז אַ זאַך, וואָס מען קען ניט איבערשפּאַרען, וואָס ווערט ניט געביטען און קען ניט ווערען אָבגעשאַפֿט, פֿערשטעהט איהר?.. און דער אינטערעס פֿאָדערט, אַז איך זאָל שטרעבען ווערען רייכער מיט אַלע מעגליכע דרכים און וואָס מעהר.. איך דאַרף גאָר ניט וויסען דאָס, יענץ... איך ווער מתעשר — און מעהר גאָרניט... וואָס אָנבעלאַנגט די אַרבייטער, וועלען זיי דאָך בעקומען זייערע שכירות, ניט אמת? לאָזען זיי אונז לאָזען בכן צו רוה! איהר וועט דאָך, רעכען איך, ניט פֿערגלייכען איין עקאָנאָמיסט און אַיין מענש וואָס שאַפֿט רייכטימער, ווי איך, מיט אַיין טעמפּען אַרבייטער, וואָס ווייס קיין איין זאַך ניט, וואָס ווייס אפילו ניט וואָס איז דאָס זשאַן באַפּטיסט, סיי און לערואַ-באָליאָ!.. דער אַרבייטער, דאָס, מיין פֿריינד, איז דער לעבעדיגער אַקערפֿעלד, וואָס איך בעאַרבייט, וואָס איך גראָב טיעף פֿערנאַנדער ביז'ן זאַמדיגען גרונט און נוץ אויס. (ווערענדיג אויפֿגערעגט) דאָס איז אַיין פֿעלד וואָס איך הויב אויף גרויסע שטיקערווייז, כדי איהם צו פֿערזייהען מיט זוימען פֿון רייכטהום.. און דאָס וואָס וועט אויפֿוואַקסען וועל איך צוזאַמענקלייבען און בעהאַלטען אין שפּייכלערס, אין קאַסטענס... וואָס געהערט דאָרטען סאָציאַלע פֿרייהייט און גלייכהייט און וואָס איהר זאָגט דאָרטען אַחדות.. מיין גאָט, מיר מאַכט גאָר ניט אויס, אויב דאָס וועט מקוים ווערען אויף

ענער וועלט. און דאָ אויף דער וועלט... וואָרט! זשאַנדאַרען! נאָך זשאַנדאַרען און אימער זשאַנדאַרען... אָט אַזוי לייז איך די געזעלשאַפטליכע פראַגע. אָט ווי אַזוי!

דיואָרמעל. איהר פערגייט אַביסל צו ווייט, קאַפּראָן!, איך בין ניט אַזאַ פערביטענער, ווי איהר... אָבער איך קען ניט לייקענען, אַז איהר זייט אין אַפּולע זאַכען גערעכט.

קאַפּראָן. ניט שוין זיי ניין!.. דאָס זיינען ניט קיין ווערטער אויפ'ן ווינד: איך בין ניט קיין פּאָעט, און ניט קיין טרוימער.. איך בין איין עקאָנאָמיסט.. איך בין איין דענקער... און פערגעסט אויך ניט, איך בין אַ רעפּובליקאַנער, איין אמת'ער רעפּובליקאַנער!.. און מיר רעדט ניט דער עבר, נאָר דער גייסט פון היינטיגער וועלט... און אַלס איין רעפּובליקאַנער, וועט איהר, פערשטייט זיך, ביי מיר שטענדיג געפינען די גרייטקייט מיט מיין אייגענעם ברוסט פערטיידיגען די גרויסע וואַהרהייטען, וואָס זיינען ערקעמפפט געוואָרען אין 1789 יאָהר געגען די עקעלהאַפטע זשעדנעקייט פון די אָרימע...

דיואָרמעל. עס איז קיין ספק, אַז מען קען ניט אונבעשטראָפט איבערבייטען עפּעס פון דעם, וואָס עקזיסטירט איצטער.. אין איין גוטאייגעאָרדנעטער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט מוזען זיין רייכע און אָרימע... דאָס איז קלאָר! וואָס וואָלט פאָרט געוואָרען פון די רייכע, ווען עס וואָלטען ניט געווען קיין אָרימע? און וואָס וואָלטען געטהאָן די אָרימע, ווען עס וואָלט קיין רייכע ניט געווען?

קאַפּראָן. דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג... אָרימע לייט דאַרף מען האָבען כדי די רייכע זאָלען בעסער פיהלען, ווי גוט עס איז צו זיין רייך!.. און די רייכע פערקעהרט דאַרפען זיין, כדי די אָרימע זאָלען זיך קענען פון זיי אַראָפּנעהמען אַ משל אין אַלע גוטע מדות.

דיואָרמעל. פּראַכטפאָל ערקלערט אין קורצע ווערטער!

דעלאַטרוד. אָט דאָס איז איין שפּריכוואָרט, וואָס האָט געדאַרפט ווערען אַ לאָזונג אין אַלע אונזערע איינריכטונגען און אַנשטאַלטען.

דיואָרמעל. דאָס איז אַזוי ריכטיג, אַז איך וועל זיך זאָגאָר ערלויבען זיך מודה זיין און עפּעס... (אַלע הערען זיך אויפמערקזאַם צו). איהר ווייסט אַלע, אַז איך בין אַ יעגער! און ווען איך בין געווען אָרים.. (זשענעוויעווען) ווייל איך בין אַמאָל געווען אָרים, פריילין... (אין גוטען מוטה) איהר זעהט, אַז מען שטאַרבט פון דעם ניט, חלילה.. בכן, אַז איך בין געווען אָרים, האָב איך ניט געקענט דערלאָזען, אַז עס זאָלען עקזיסטירען פּריווילעגירטע יאַגד און איך בין געווען ערנסט אויפגעבראַכט, וואָס מען לאָזט

ניט אַלעמען פרייַ פאָהרען אויף יאַכט, אַם וויינגסטענס אויף די מלובה׳שע ערד. אַז איך בין געוואָרען רייך, האָב איך גלייך איבער־געביטען מיין מיינונג.

קאַפּראָן. און ווי נאָך! בייַ אייך האָבען זיך די אויגען געעפענט... איהר האָט דייטליך אָנגעהויבען זעהען...

דיואָרמעל. איך האָב גלייך פערשטאַנען די עקאָנאָמישע מעלות פון די גרויסע יאַגד, ווען איך האָב דערזעהן מענשען, וואָס זיינען איבערגעבען דער זאַך, וואָס גיבען אויס דריי הונדערט טויזענד פראַנק אַיאָהר אויף אויסצוהאָדעווען פאַזאַנען.

קאַפּראָן. „די עקאָנאָמישע ווינאָרע פון גרויסע יאַגרען”, אמת גוט געזאָגט.

דיואָרמעל. און אין אמת׳ן, קען דער אָרימער יעגער אויסגעבען 300 טויזענד פראַנק אויף אויס צוהאָדעווען פאַזאַנען?..

קאַפּראָן. (צו ראָבערט׳ן) פּרובט אָפּשלאָגען דעם קלאַפּ, יונגער מאַן.

דיואָרמעל. און די דריי הונדערט טויזענד. אויף וואָס גייהען זיי אייגענטליך אַוועק?.. זיי גייהען אַוועק פאַר אַלעמען.. זיי גייהען ווייטער אַוועק אין די מאַססע.

קאַפּראָן. מען דאַרף זיך פראָסט וואַנדערן איבער די מוטערליבע זאָרג פון דער געזעלשאַפט פאַר די אָרימע יעגער.

דיואָרמעל. פערשטעהט זיך... דאָ האָט יעדער זיין נוץ...

קאַפּראָן. דאָס קען מען ניט אָפּלייקענען, סיי פון דער עקאָנאָמישער זייט, סיי פון דער וויסענשאַפטליכער, סיי פון דער מאַטעמאַטישער קען מען דאָס ניט אָפּלייקענען! די גאַנצע פראַגע שטעקט אין דעם!

דיואָרמעל. די פראַגע בעשטעהט נאָך אין דעם, און מיין אייגענער משל בעווייזט דאָס, אַז יעדער׳ן איז אייגענטליך גרינג רייך צו ווערען, מען דאַרף מעהר ניט בענוצען די אָרדנונג, שפּאָרזאַמקייט... און אַכטונג צום געזעץ.

קאַפּראָן. און פּרובט זיי פּרעדיגען דיזע געזונדע פּרינ־ציפּען, זיי וועלען אייך אָנרופען עקספּלואַטאַטאָר. (מאַכט אין כעס עטליכע טריט איבער׳ן צימער, פערלייגט די הענד אויף הינטען, נאָכהער מאַכט מיט אַמאָל מיט׳ן האַנד אַזוי, ווי ער וואָלט פער־דרייהען אַשרויף). פערשרויפען דעם צוואַנג.. צוקוועטשען... צו־דריקען... מעהר ווי דאָס דאַרף מען ניט (ווענדעט זיך צו ראָבערט׳ן, וואָס איז צוגעגאַנגען צו זיי) יע!.. יע!.. לאַכט אייך, קוועטשט מיט די פּלייצעס.. איהר זייט יונג.. איהר גלויבט נאָך אין די אַלע פּלוידעריי... אָבער נאָכהער שפּעטער, וועט איהר זיך ענטזאָגען פון זיי!..

דיואַרמעל. מיר זיינען אַלע געווען עהנליך צו אייך. מיר זיינען אַלע געווען אַזוי, ווי איהר, ראַבערט. אָבער דער לעבען און די ערפֿאַהרונג פֿערריכטען אונזערע אַנשוואונגען און היילען אונז אויס פֿון אונזערע פֿערפֿיהרונגען.. לעבען! דאָס איז ניט אַלע מאָל אַפֿריליכע זאַך... בפרט פֿאַר אונז.

דעלאַטרוד. מיר האָבען אונזערע ליידען, אונזערע קלעמענים, אונזערע מאַטערנים, עסקים, שווערע פֿפליכטען, וואָס די אָרימע ווייסען פֿון דעם ניט. די אָרימע לייט זיינען פֿרייע מענשען... זיי טהוען, וואָס זיי ווילען... זיי דאַרפֿען קלעהרען מעהר ניט פֿאַר זיך... אין דער צייט, ווען מיר.. (ער זיפֿצט..) אין אונזער לאַגע אָבער איז איבערהויפּט שלעכט דאָס וואָס מיר קענען גאָר ניט ווערען אָרים, אויב אונז פֿערוואָלט זיך דאָס אפילו! אָט נעמט למשל מיר, מיין ליעבע זשענעוויעווע, איך האָב ניט איין מאָל געטרוימט וועגען דעם. איך וואָלט וואָלט וועלען האָבען איין קליינינקען פֿעלד מיט איין הייזעלע, איין קוה, איין פֿערד און צוויי טויזענד פֿראַנק, מעהר אַגראָשען ניט.. צוויי טויזענד פֿראַנק, וועלכע איך וואָלט פֿערהאָרעוועט, אַקערנדיג מיט אַרידל מיין אייגענעם שטיקעל פֿעלד... זיין אַ אָרימאַן... דאָס איז דאָך אַזאַ גליק! וואָס פֿאַר אַ שמחה דאָס וואָלט געווען, וואָס פֿאַר אַ שיינער פּאַטריאַרכאַלער לעבענס-בילד פּונקט ווי ביי ווירגיליע! ניט טראָגען מעהר קיין פֿעראַנטוואָרטליכקייט פֿאַר דעם כלל, ניט פֿערנעהמען קיין אָנגעזעהענעם אָרט אין דער געזעלשאַפֿט, ניט ליידען פֿון די פֿונאַנדערברייטונג פֿון מאָגען, ניט פֿון נייראַכטעניע, ניט פֿון פּאָדאַגראַ!.. אָרימע לייט ווייסען ניט פֿון פּאָדאַגראַ... וואָס פֿאַר אַ גליקליכע מענשען! איך קען אפילו אין חלום ניט זיין אַזאַ גליקליכער, רוהיגער, געזונדער אָרימאַן!

זשענעוויעווע. ווער זשע לאָזט אייך דאָס ניט?

דעלאַטרוד. אָבער, מיין ליעבעס קינד, איך האָב גופֿייער הייזער, פּאַלאַצען, וועלדער, יאַגד און פֿריינד. בעדיענער... איך בין צוגעשמידט צו די רייכטהום! (ער זיפֿצט) ווילענדיג ניט ווילענדיג מוז איך דאָס שלעפּען! (קאַפּראָן און דיואַרמעל דריהען אויס זייער מיטשטימונג, זיפֿצען אויך און הויבען אויף די הענד צום הימעל..).

זשענעוויעווע. (הויבט זיך אויף און געהט צום טיר) דער פּאַפּאַ געהט נאָך אַלץ ניט... איך הויב זיך אָן צו בעאונרוהיגען, כ'לעבען!

דעלאַטרוד. (ווענדעט זיך צו דיואַרמעל און קאַפּראָן) זיהר זעהט... זיא איז אונרוהיג... אָרימע לייט האָבען דען ווען עס איז אונרוה?.. (ער שטעלט זיך). און זיי זיינען נאָך אונז

זקנא!.. (ער קעהרט זיך אום און זעהט אז ראָבערט האָט זיך ווייטער אוועקגערוקט צום גרויסען פענסטער אין ווינקעל צימער) וואָס האָט איהר זיך פערדוקט אין ווינקעל? ראָבערט?.. וואָס רעדט איהר גאָר ניט?

ראָבערט. (וועלכער ווייזט אַרויס סימנים פון אויפגערעגטקייט די צייט פון די גאַנצע סצענע). וואָס קען איך אייך זאָגען?... איהר זייט טויב, אַז מען קען אייך שוין ניט אויסהיילען! איהר דערהערט ניט אַזוי די שטימע, וואָס בעט זיך ביי אייך, ווי די שטימע, וואָס סטראַשעט אייך. האָבענדיג מעהר ניט נאָך וויניגער רחמנות און נאָך אַגרעסערע גרויזאַמע, זשעדנע תאוה צו כבוד, זייט איהר עהנליך צו יענע, וואָס זיינען געוועזען מיט הונדערט יאָהר פאַר אייך! אַז די רעוואָלוציאָן איז שוין געקומען, אַז זי האָט שוין אַריינגעלאָזען איהרע נעגעל אין זייער קערפּער און האָט שוועהר געטעמט זיי אין צורה מיט איהר בלוטיגען אָטעם, פלעגען זיי נאָך אַלץ זאָגען ווי איהר! „ניין... ס'איז גאָר נישט... ס'איז אַלע מאָל אַזוי געוועזען, עס וועט אַלע מאָל אַזוי בלייבען, ס'וועט קיינמאָל ניט אָנקומען די צייט פון אָרימע לייט!" ניין... פונדעסטוועגען איז די שעה געקומען...

קאַפּראָן. וואָס פאַר אַליערעלע זינגט איהר אונז דאָ?.. די רעוואָלוציע... מיר האָבען איהר דאָך אַליין געמאַכט?

ראָבערט. איהר האָט איהר געבראַכט... אָבער איצטער וועט זי אייך אַוועקטראָגען. (עס דערהערט זיך אַניטקלאָהרער טומעל, ווייטע געשרייען, געזאַנג. ראָבערט עפענט דעם פענסטער און ווייזט מיט דעם האַנד אויף דעם זייט, פון וואַנען עס דערהערט זיך דער גערויש). צו הערט איהר אַמוויינגסטען? (אַלע ציעהען אוים דעם קאָפּ צום פענסטער).

קאַפּראָן. וואָס איז דאָס?

ראָבערט. דאָס געהט דער אָרימאַן!.. (איין טיעפע שטילקייט אין צימער. די געשרייען ווערען נעהענטער, דער געזאַנג איז דייטליכער. אַלע דריי, קאַפּראָן, דיוואָרמעל און דעלאַטרוד הערען זיך איין, האַלטענדיג אַלץ מעהר אויסגעצויגען די קעפּ. אַלע זיינען געבליבען אויף זייערע ערטער, בלאַס). דאָס געהט דער אָרימאַן... דער אָרימאַן אויף וועלכען איהר, הערר דעלאַטרוד, זאָגט, אַז ער איז ניטאָ! דער אָרימאַן, וועלכען איהר אַקערט, וועלכען איהר הויבט אויף שטיקערווייז, הערר קאַפּראָן. (געשרייען: „עס לעבע דער שטרייק!" הערען זיך גאָר דייטליך) צו הערט איהר האָטש דעם מאָל דעם אָרימאַן? היינט געהט ער אַהער, מאָרגען וועט ער זיין ביי אייך און איבערמאָרגען וועט ער זיין אומעטום! (אין דעם פערשטיקטען טומעל פון דער געהענדער מאַססע מענשען קלינגט

די ליעד „קאַרמאַניאָל") איך האָב ערנסט מורא, הערר דיואַרמעל, אַז אייער יאַנד וועט מען מוזען אָפּלייגען. (ראָבערט פֿערמאַכט דעם פֿענסטער). בכן, איז שוין צו אַלץ אַסוף? איהר רעדט שוין מעהר גאָר ניט? וואו האָט זיך אַהינגעטהאָן אייער גאַנצער ברען פֿון קאַמפף?.. אייער העלדישקייט?.. איהר זייט דען שוין צו־שלאָגען... ווי! עס איז גענוג, אַז עטליכע אַרימעלייט זאָלען אָנ־הויבען זינגען איין ווענ, אַז איהר זאָלט בלייבען שטעהן אָהן לשון, בלאַסע פֿון שרעק!..

קאַפּראָן. פֿאַר שרעק!.. ערלויבט, וואָס רעדט איהר דאָס... איהר!.. איך!.. א!.. עס דאַרף שוין אַזוי זיין! (דער טומעל און די קולות ווערען שטאַרקער, קאַפּראָן, ווייזענדיג דעם קילאַק צו דער זייט פֿון פֿענסטער). אויסוואַרפֿען!

דעלאַטרוד. (ער איז גובר אין זיך דעם שרעק.) לאָזט זיי זיינען שכור.

ראָבערט. שכור? עס קען זיין... אָבער פֿון וואָס האָבען זיי זיך איינגעשכור'ט? איהר ווייסט פֿאַר וואָס?

קאַפּראָן. אָך, איהר זייט מיר דערעסען אַם ענדע!.. צוליעב וואָס זייט איהר היינט דאָ? צוליעב וואָס זייט איהר דאָ?.. דאס איז איצטער קלאהר! א—א! זיי זיינען דאך אייערע פֿריינד! איהר זייט אהער געקוממען...א שווארץ יאהר!

ראָבערט. בערוהיגט איך, מיין הערר!

דיואָרמעל. מיר וועלען זעהן! מיר וועלען זעהן... עס איז גאָר ניט אַזאַ ערנסטע זאַך. איך וויל בשום אופן ניט דערלאָזען, אַז דאָס זאָל זיין עפּעס ערנסט!.. זיי שפּיעלען זיך פּראָסט...

זשענעוויעווע. (צוזודערט, נעהמט ניט אַראָפּ די אויגען פֿון טיר) און מיין פֿאָטער.. ער קומט נאָך אַלץ ניט...

קאַפּראָן. דער טויער איז פֿערמאַכט?

זשענעוויעווע. (אויסער זיך, קלינגט, געהט אין פֿאָדער-ציממער, בויגט זיך אַריבער איבער דעם פּאַרעניץ). יוסף!.. אַדעל... באַפּטיסט!.. (בויגט זיך נאָך מעהר אַריבער איבער דעם פּאַרעניץ) פֿערמאַכט דעם טויער!.. הייסט פֿערמאַכען דעם טויער! (צוטראָגען און ציטערנדיג, געהט זי אַריין אין מאַסטערסקאַיאַ, ראָבערט סטאַרעוועט זיך איהר צו בערוהיגען). גאָט מיינער! גאָט מיינער!..

קאַפּראָן. מיר זאָלען נאָר קענען אַוועקפֿאָהרען צו זיך אַהיים!.. (אַרגאַנד בעוויזט זיך) א! אָט איז אַרגאַנד אויך...

זשענעוויעווע. פֿאָטער, פֿאָטער מיינער! (אַלע רינגלען אַרום אַרגאַנדען)

זעקסטע ערשיינונג.

די זעלבע, אַרגאַנד.

קאַפּראָן. נו, וואָס?

אַרגאַנד. (קוקט אויף די געסט מיט וואונדער, כמעט מיט פֿעראַכטונג). בערוהיגט זיך, טייערער קאַפּראָן... דער טויער איז פֿערמאַכט.

קאַפּראָן. יע... אָבער... די וועג?..

אַרגאַנד. די וועג איז פֿריי פֿון יענעם זייט פּאַרק... איך האָב געהייסען אײַנשפּאַנען אײַערע פֿערד... איהר קענט פֿאָהרען אַהיים אָהן מורא, די איינציגע אונאַנגענעהמליכקייט איז דאָס, וואָס איהר וועט דאַרפֿען פֿאָהרען אַרום.

קאַפּראָן. אויב אַזוי, לאָמיר פֿאָהרען. (די גאַנצע צייט ווערען ניט שטיל די קולות, זיי פֿערשטאַרקען זיך. עס הערט זיך זייער דייטליך: „נידער מיט אַרגאַנד'ן!", „עס לעבע דער שטרייק!").

דעלאַטרוד. לאָמיר פֿאָהרען... לאָמיר פֿאָהרען!, איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט... און מיין הוט? וואו איז מיין הוט? (ער זוכט זיין הוט און געפֿינט איהר ניט). דאָס איז שרעקליך! און אַט... ווייל... מיט איין וואָרט... דאָ איז איין שטרייק!.. וואו גייט מען? וואו איז מיין הוט?

אַרגאַנד. (נעהמט דעלאַטרוד'ס הוט, וואָס איז געלעגען אויפ'ן טיש). זייט ניט אַזוי צורודערט, דעלאַטרוד!.. אַט איז אײַער קאַפּעלוש!. פֿאָהרט!..

קאַפּראָן. (מיט פֿאַראַד נעהמט פֿאַר'ן האַנד אַרגאַנד'ן). מיין ליעבער אַרגאַנד!.. איהר האָט שוין אויסגעפּרובט אַלע מיטלען פֿון שלום... איהר האָט זאַט געמאַכט די אַרבייטער אַריבער און אַריבער... צוליעב די גזלנים האָט איהר זיך פֿעראָרימט... איהר האָט זיי אַוועקגעגעבען אַלץ ביז די לעצטע העמד... וואָס דאַרפֿען זיי נאָך?.. ניין... ניין.. איהר טאָרט זיך ניט מישב זיין נאָך... איצטער זאָלען ריידען די ביקסען... מעהר ענערגיע, מיין פֿריינד, און בעזונדערס חיל... חיל... טהוט אַ קלער וועגען דעם, אַז איהר בעשיצט ניט נאָר זיך און אײַערע פֿאַבריקען, נאָר אויך אונז.. נעהמט דאָס דער טייוועל — און די פֿרייהייט פֿון יעדער'נס אַרבייט און די גאַנצע געזעלשאַפֿט.

דיוואָרמעל. גיט זשע ניט נאָך ניט אויף איין טריט. זיי וועלען זיך גיך אונטערגעבען.

קאַפּראָן. אַך, ווען איהר וואָלט אַביסל שטייפֿער פֿערשריפֿט דעם צוואַנג! איך האָב אייך דען ניט געזאָגט!..

דעלאטרוד. איך האב שוין איף שטענדיג פיינט גע־קראגען דעם ליבעראַליזמוס!.. מעהר ענערגיע...

ארגאַנד. (בעלאגערט פון אלע זייטען). יע... יע... פערלאזט זיך אויף מיר! אדיע!.. פאהרט אפ!

קאפראַן. איהר ווייסט אם ווענינסטענס געוויס, אז די וועג איז פריי?

ארגאַנד. געוויס! אבער פאהרט שוין אפ!..

קאפראַן. און חיל.. גלייך חיל!

דיוארמעל. ניט זיי אין אַנלערנונג... איין גרויזאמען אַנלערנונג.

דעלאַטרוד. מיר פערלאזען זיך אויף אייך.

ארגאַנד. יע... יע!.. (אלע דריי פאהרען אוועק. זיי געזעגענען זיך, ארגאַנד בעגלייט זיי מיט איין איראנישען קוק). עלענדע מענשען! און דאס זיינען מיינע חברים!

זיבעטע ערשיינונג.

ארגאַנד, ראבערט, זשענעוויעווע.

אויפ'ן גאס הערען זיך געשרייען, קולות, אויסרופען, געזאנג, דער טו־מעל ווערט דא שטארקער און דא שטילער, ווי אויפ'ן ים. ארגאַנד איז אביסל פינסטער אבער גאנץ רוהיג; ער זעצט זיך אין פאטעל; געבען איהם געפינען זיך די ציטערנדע זשענעוויעווע און ראבערט, וואס איז אומעטיג פערקלעהרט).

ארגאַנד. גיעב מיר אביסל וואססער, זשענעוויעווע (זשע־נעוויעווע גיסט אן אביסל וואססער אין גלאז, ארגאַנד טרינקט מיט חשק). דאנק, מיין קינד. (א קורצער שווייגען). און דו, ראבערט?

ראבערט. פאטער!

ארגאַנד. דו זאלסט היינט אוועקפאהרען.

ראבערט. איך האב זיך געקליעבען בעטען אייך וועגען דעם, פאטער. (צוטומעלט און אונזיכער). אבער פאר'ן אוועקפאהרען ערלויבט מיר...

ארגאַנד. (רייסט איהם איבער). רייד קיין איין ווארט ניט... איך בעט דיר... איך מאך דיר אין קיין זאך ניט שולדיג... איך ווארף דיר קיין זאך ניט אויף! (איין געררויש הערט זיך: „עס לעבע ראבערט ארגאַנד! עס לעבע דער שטרייק!" ראבערט, בע־רווישט, וויל פראטעסטירען, ארגאַנד שטעלט איהם אפ מיט'ן האנד, איין קורצער, זעהר שווערער שווייגען. צום סוף רעדט ווייטער ארגאַנד מיט א פערביטענע שטימע און מיט א געדריקטע הארץ). איך ווארף דיר קיין זאך ניט אויף... אבער פערגרעסער ניט מיט

אוננוצליכע רייד דעם פרויערינען מהלך, וועלכען... די געשעהניס מאכט צווישען אונז.

ראָבערט. פֿאָטער!.. פֿאָטער!..

אַרגאַנד. (מיט ווירדע). צווישען אונז ביידען, מיין קינד, וועט מעהר קיין זאַך ניט זיין, חוץ שוויגען! (שטעלט זיך).

ראָבערט. (צורודערט ווארפֿט זיך אין דעם פֿאָטערס אָרימס) איך ליעב דיר... איך שעץ דיר... און איך געטרוי דיין רחמנות... דיין יושר... (אין דעם מאָמענט פֿאַלט אַריין אַ שטיין פֿון גאַס צו די פֿיס פֿון אַרגאַנד'ן און צוברעכט איין שויב פֿון גרויסען פֿענסטער. זשענעוויעווע גיט אַ געשריי).

אַרגאַנד. (הויבט אויף דעם שטיין). אָט איז יושר! (ער לייגט אַוועק דעם שטיין אויפֿ'ן שטול).

(דער פֿאָרהאַנג פֿאַלט).

דריטער אקט.

ארגאנדס קאבינעט. ער איז שטריינג אבער רייך אויסגעשטעלט. א טיר אין דער טיעף; רעכטס און לינקס פון די טיר גרויסע ביכער־אלמערס. אויף די ווענד פארציייטיגע טייערע אביצעס. צווישען צוויי פענסטער אקאמין; אויף'ן קאמין א מארמארנער ביוסט. אנטקעגען קאמין אגרויסער שרייב־טיש מיט געשעפטס־פאפיערען. פאטיילען מיט הויכע רוקענס; א קאנאפע, פערשיעדענע שטיינער און מינעראלען אונטער א גלאז.

ארגאנד זיצט ביין טיש און איז בעשעפטיגט. דער לאקיי פיהרט אריין מעגרע, וועלכער זעצט זיך געגען ארגאנד'ן פון אנדערן זייט טיש.

ערשטע ערשיינונג.

ארגאנד, מעגרע.

מ ע ג ר ע. (דערזועהענדיג דעם לאמפ אויף'ן טיש נעבען ארגאנד'ן) א!.. איהר האט זיך היינטיגע נאכט אויך ניט צוגעלייגט?

א ר ג א נ ד. איך האב זיך אפגערוהט עטליכע שטונדען דא אויף'ן קאנאפע. וואס הערט זיך נייעס?

מ ע ג ר ע. די אויסריכטער זיינען אויך ניט געקומען אין די ווארשטאטען, זיי האלטען אויך מיט די שטרייקער. אייגענטליך האט מען דאס געדארפט פריהער וויסען... איך האב געדארפט הייסען אויסלעשען די פייער אין די דאמפפקעסלען.

א ר ג א נ ד. אבער עס זיינען ניט געווען אזוינע צולאזענע סצענעס, ווי נעכטען?

מ ע ג ר ע. ניין, די נאכט איז פערביי לפי ערך רוהיג. נעכטען ביי נאכט האט זשאן רול געמאכט א פערזאמלונג פון די שטרייקער אין פרע־דיו־רוא. ער איז ארויפגעקלעטערט אויף'ן טיש און ביים שיין פון עטליכע ליכט האט ער זיי געלייענט ביכלאך פון פיין און ליידען... ווען ער פלעגט ווערען פערמאטערט, פלעגט מאדלענע נעהמען ביי איהם פון האנד דעם בוך און פלעגט אליין לייענען מיט א דורכגענומענע שטימע. צוליעב פערמאטערטקייט,

אָדער צוליעב דעם, וואָס דער לייענען האָט זיי ניט אינטערעסירט נאָר צווישען די צוהערער זיינען געווען זייער ווייניג מענער... דאָרטען זיינען געווען אַם מייסטענס פרויענצימער, וואָס האָבען זיך צוגעהערט צום לייענען מיט אַ טיעפּען שווייגען, פונקט אַזוי אויפמערקזאַם, ווי צו אַ דרשה. און נאַכהער זיינען זיי זיך אַלע פונאַנדערגעגאַנגען אָהן אַ טומעל, אָהן אַ אונאָרדנונג

אַ ר ג אַ נ ד. וואָס פאַר אַ מאָדנע פערזאָן דער זשאַן רול איז, עס איז איהם ניט צו פערשטעהן! ביי אַנדערע צייטען... וואָלט ער אפשר געווען אַ גרויסער מענש און אַ גרויסער פערשפרייטער פון נייע אידעען.

מ ע ג ר ע. איך ווייס ניט, אָבער ביי היינטיגען טאָג איז ער אַ געפעהרליכער אויסוואָרף. צום גליק האָט ער ניט קיין פאָליטישען חוש־ר״ח און ער ווייסט ניט, וואוהין ער געהט און וואָס ער וויל! ווע: ניט דאָס, ביי זיין ווירקינג, וואָס ער האָט אויף די שוואַכע מוחות, וואָלט דער קאַמפּף געווען אַ שווערער און אַ שרעקליכערער.

אַ ר ג אַ נ ד. פאַר די מיסטיקער דאַרף מען מורא האָבען מעהר ווי פאַר אַנדערע. זיי ווירקען מעהר פאַר אַנדערע אויף די הערצער פון דעם המון, וועלכער ווערט ענטציקט פאַר דאָס אַלין, וואָס עס איז איהם ניט פערשטענדליך. און מאַדלענע? ! וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע פערביטונג!..

מ ע ג ר ע. עס קען זיין, פאַר איהר איז דאָ מעהר וואָס מורא צו האָבען, ווי פאַר זשאַן רול'ן אַליין. אין איהרע אויגען ברענט אַזאַ בייזער פייערל!.. (אַ שווייגען).

אַ ר ג אַ נ ד. איהר ווייסט, געווים אַז זיי האָבען קיין געלד ניט?

מ ע ג ר ע. געווים!.. זיי ליידען שוין הונגער!.. דאָס וואָס זיי האָבען אויסגעריבט פון ראָדע'ס בשמים־קרעמל און איינעם — צוויי זעקלאַך בולקעס וועט קלעקען ניט אויף לאַנג. עס קען זיין, זיי וועלען זיך נאָך האַלטען אַ קורצע צייט — נו, און וואָס וועט זיין מאָרגען, איבערמאָרגען?

אַ ר ג אַ נ ד. בכן?

מ ע ג ר ע. בכן, ניט קוקענדיג אויף אַלע ניט־גינסטיגע אויסערליכע סימנים האָבען זיי שוין וויינינגער בעגייסטערונג... וויי־ניגער גליבען!.. איינינגע זיינען שוין ניט צופריעדען מיט זשאַן רול'ן.. די שלעפּער קענען זיך שוין ניט ווידערן נאָך אַ וואָך הונגערן!

אַ ר ג אַ נ ד. איך קען ניט פערשטעהן די סבות, צוליעב וועלכע זשאַן רול האָט זיך ענטזאַגט פון די מיטהילף פון די ראָ-

דיקאַלע און סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען?.. מיט דעם האָט ער גע־טהאָן אַ שאָדען דעם שטרייק... אויף וואָס פאַרט האָפט ער?

מ ע ג ר ע. אויף אַ נס! ער האָפט אויפוועקען אין די מענשען דעם העלדענמוטה. (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ) צום גליק, פּאַסט דאָס ניט פאַר אונזערע צייטען.

אָ ר ג אַ נ ד. (פערקלעהרט) עס קען זיין...

מ ע ג ר ע. (מיט צווייפעל). ווי די זאַך איז, אָבער עס איז שוין צייט... היל...

אָ ר ג אַ נ ד. היל וועט הייַנט צו אונז קומען... ניט אָהן צער האָב איך זיך ענטשלאָסען צו דעם לעצטען מיטעל... איצ־טער איז דאָך געוויס די קלענסטע אויפרעגונג, דער קלענסטער אויסרוף... וועלכער איז אונמישנער טעות, אַז עס זאָל ריגען בלוט (אַ שווייגען). צו האָב איך אָבער געקענט טהאָן אַנדערס? דאָ זיינען דאָ אונשולדיגע נפשות, וועלכע זיינען אין סכנה און וואָס איך דאַרף זיי בעשיצען. חוץ דעם רעכען איך, אַז דער היל וועט ניט אויסניטצען זיין כח צום שלעכטען... (אַ שווייגען) און מיין זון?

מ ע ג ר ע. איך האָב געוואָלט ריידען מיט אייך וועגען איהם... דער הערר ראָבערט האָט זיך נעכטען געזעהען מיט זשאַן רול׳ן נאָך פאַר די פערזאַמלונג פון די שטרייקער אין פרע־דאַ־רוא.

אָ ר ג אַ נ ד. דאָס איז אונמעגליך!

מ ע ג ר ע. ענטשילדיגט מיר... דאָס איז אַזוי!

אָ ר ג אַ נ ד. איהר ווייסט דאָס בעשטימט?

מ ע ג ר ע. אָ, געוויס!

אָ ר ג אַ נ ד. מיט וואָס פאַר אַ צוועק? (מעגרע מאַכט מיט׳ן האַנד, אַז מעהר ווייס ער גאָר נישט). פון דאַמאָלסט אָן, ווי די שטרייקער האָבען איהם אומגעקעהרט פון וואָקזאַל, ווען איך האָב איהם געהייסען אַוועקפאָהרען, מיט אויסשרייען: „עס לעבע ראָ־בערט אָרגאַנד!" און ווי זיי האָבען איהם געבראַכט אַהער, פון יענער צייט איז ער ביי זיי ווי אין געפאַנגענשאַפט. ראָבערט האָט דוכט זיך פערשטאַנען, אין וואָס פאַר אַ שענדליכע און משונה׳דיגע לאַגע ער געפינט זיך אי צו מיר, אי צו זיי נאָך דעם געשעהענים, און ווירקליך... איך האָב נעכטען בעמערקט, אַז ער איז מעהר צורודערט ווי אַלע מאָל און מעהר פער׳חשב׳ט... עטליכע מאָל האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז ער וויל מיר עפּעס זאָגען... אָבער ער האָט קיין זאַך ניט געזאָגט!

מ ע ג ר ע. עס קען זיין, ער האָט געמאַכט אַ טריט צום שלום מיט זשאַן רול׳ן?...

אָ ר ג אַ נ ד. דאָס וואָלט פאַר מיר געוועזען העכסט שווער

און בעליידיגענד.. (אַ שווייגען) פון אַלע קלעמענים פון דיזע שווע־רע טעג וואָלט דאָס געווען די גרעסטע! מעגרע, דאָס האָט מיר געמאַכט אַ וואונד אין האַרצען, וואָס וועט קיין מאָל זיך ניט אויס־היילען... אַזאַ גרויזאַמער גהינום'שער געדאַנק, אַז זיי האָבען אָנ־געשטעלט, יע, אָ נ ג ע ש ט ע ל ט אַ זון געגען זיין טאַטען, אָהן זיין ווילען!. דאָס איז פונקט אַזוי שרעקליך, ווי דערהרג'ענען אַ פאָטער!

מ ע ג ר ע. איהר דאַרפט ניט מאַכען די זאַך גרעסער ווי דאָס איז, הערר אַרגאַנד... זיי האָבען מסתמא געמיינט, אַז מיט דעם, וואָס זיי וועלען איהם שטערען אַוועקפאָהרען... וועלען זיי האָ־בען געבען אייך אַ מענשען, וואָס וועט זיי ברייגגען נוצען... וואָט וועט פערטהיידיגען זייערע אינטערעסען און וואָס וועט אפשר פועל'ן ביי אייך זיי עפּעס נאָכצוגעבען. דערביי איז נאָך דער הערר ראָבערט אַ מענש מיט אַגרויסמוטהיגע נאַטור און האָט פיינד אַרומיגע וועגען!..

אַ ר ג אַ נ ד. ער איז אבער אַזאַ היצ־קאָפּף, אַז איך האָב שטאַרק מורא פאַר איהם! זיין נשמה איז אַ פייערשפּייאיגער באַרג... דאָרט שלאָגט ווי פון אַ קוואַל... דאָרטען קאָכט איין אונגעוואוינ־ליכער געדאַנק, ווי אַ צושמאָלצענער מעטאַל.

מ ע ג ר ע. זייט ניט צוטראָגען... ביי אייער זון איז שטאַרק ענטוויקעלט דער פערשטעהן פון זיינע פפליכטען.

אַ ר ג אַ נ ד. יע. אָבער אין וואָס בעשטעהט, נאָך זיין קוק, זיין חוב?... וועגען דעם ווייס איך ניט... (אַ שווייגען) אַזוי איז דאָס, מיין טייערער מעגרע... איך בין צורודערט, ניט צופריעדען מיט זיך... דער אומעט עסט אויף מיין האַר'ץ... איך פרעג זיך, צו האָב איך טאַקע אַלץ ערפיהלט, וואָס איך האָב געדאַרפט ערפי־לען; צו איז עפּעס נאָך געבליבען ניט געטהאָן... פאַר די עלענ־דע מענשען?

מ ע ג ר ע. איצט איז ניט די צייט, הערר אַרגאַנד, שטעלען זיך אַזוינע שאלות. איהר און מיר אַלע נויטיגען זיך אין אייער שטייפקייט, אין גיכע ענטשלאָסענהייט... איך זאָג אייך נאָך אמאָל... איהר האָט זיך ניט אין וואָס צו בעשולדיגען... וואָס מען האָט געקענט, האָט איהר געטהאָן!.. זאָגט אַליין, צו איז נאָך דאָ אין פראַנקרייך נאָך אַזאַ פירמע, וואו די אַרבייט זאָל זיך אַזוי גוט בע־צאָהלען און דער אַרבייטער זאָל אַזוי זיין געאַכטעט, ווי ביי אייך.. איצטער דאַרפט איהר זיין פערנומען נור מיט איין געדאַנק און האָבען נור איין ציעל: דערשטיקען דעם שטרייק... נאָכהער וועט איהר שוין קענען קלעהרען...

אַ ר ג אַ נ ד. (מאַכט מיט'ן האַנד איבערן שטערען) אַזוי וועט דאָס זיין!.. (לייגט צוזאַמען אין אַ פעקיל די איינציגע בלעטלאך אויף'ן טיש און גיט זיי איבער מעגרע'ן). אָט איז די פאָצט... איהר וועט דאָ געפינען בריעף פון דייטשלאַנד, וואָס מען לייגט מיר פאַר

מאַכען פֿאַר מיר די בעשטעלונגען און דער צייט פֿון שטרייק. די תנאים זיינען אפֿילו שווערליך און ניט בעקוועם. מיר וועלען נאָך אָבער אַ קוק טאָהן... דרינגט אריין גוט אין די זאַך... און זאָגט מיר אייער מיינונג היינט אָוענד... (ארגאַנד הויבט זיך אויף. מעגרע שטעלט זיך אויף און וויל אַוועקגעהן). איהר האָט אָנגעוויזען ווי אויסצוהאַלטען דעם חיל?

מ ע ג ר ע. אַלץ איז אין אָרדנונג...

אָ ר ג אַ נ ד. עס איז ניטאָ פֿאַר וואָס זיך צו שרעקען עפּעס אונערוואַרטעטעס?...

מ ע ג ר ע. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּף) אָ! אָ! די זשאַנדאַרמען היטען די בײדע פּעקאַרניעס...

אַ ר ג אַ נ ד. (גיט די האַנד מעגרע'ן) ענטשולדיגט מיר, טייערער מעגרע, די קליינע שוואַכקייט, וואָס איך האָב פֿריהער אַרויסגעוויזען... איהר טראָגט דאָך אויף זיך מיט אַזאַ מוטה די גאַנצע שנאה פֿון די משוגעים?.. (מעגרע מאַכט אַ צייכען אויף ניין) צום ווידערזעהען.

מ ע ג ר ע. צום ווידערזעהען, העדר אַרגאַנד. (מעגרע געהט אַוועק. אַרגאַנד ברייננט אַ געוויסע צייט אין אַסדר די פּאַפּיערען אויף'ן טיש. ער קלינגט נאָכהער, עס געהט אריין דער לאַקיי). זאָגט אָן דעם הערן ראָבערט, אַז איך וואַרט אויף איהם דאָ. (דער לאַקיי געהט אַוועק. אַרגאַנד געהט זיך דורך פֿערקלעהרט הין אונצוריק איבערן צימער).

צווייטע ערשיינונג.

אַרגאַנד, ראָבערט.

זייענדיג מיט'ן זון פֿערלירט אַרגאַנד אַלץ מעהר די געדולד. ביסלעכווייז ווערט די פֿערקלעהרטע און אומעטיגע מינע פֿון זיין געזיכט נערוועז און אויפֿרייצענד. עס פֿיהלט זיך אָבער, אז ער שטאַרקט זיך איינצוהאַלטען.

אַ ר ג אַ נ ד. זעץ זיך... מיר וועלען זיך דורכריידען...

ר אָ ב ע ר ט. (זעצט זיך) איך הער אייך אויס, פֿאָטער.

אַ ר ג אַ נ ד. נאָך דיין אומקעהרען מיט פּאַראַד... מיט פּאַראַד, ניין אפשר? דאָס איז דער פּאַסענדסטער נאָמען.

ר אָ ב ע ר ט. אָ, פֿאָטער!

אַ ר ג אַ נ ד. וועלכען אַנדערען אויסדרוק קען איך צוקלייבען?.. מען האָט דיר געבראַכט אויף די הענד, ווי אַ פֿאָהן... ווי זייער פֿאָהן.

ראָבערט. מיט וואָס פאַר אַ טאָן רעדט איהר פאָרט מיט מיר, פאָטער?.. און וואָס דאַרפט איהר ווייטער דערמאָהנען דאָס, וואָס האָט אונזביידען געשאַפען אַזוי פיעל קלעמענים!

אַרגאַנד. (וויל זיך איינהאַלטען) בקיצור, נאָך דעם וואָס איז פאָרגעקומען... איז געווען בעשלאָסען (מיט איראָניע) און איך האָב ניט געקענט מעהר פאָדערען פון דיינע איבערציינונגען... וויל די פאַמיליען־געפיהלען... די אַבטונג... (ראָבערט קוקט אָן דעם פאָטער מיט אומעט). בקיצור... בקיצור... עס איז געווען בעשלאָסען, אַז דו ווערסט... ניט האַלטען קיינעם'ס צד... אין דעם, וואָס דאָ קומט פאָר!.. איך האָב געמיינט, אַז דער אָפמאַך... ביי די יעצטיגע לאַגע דאַרף ווערען ערפיהלט הייליג און אונגעשטערט..

ראָבערט. איך האָב איהם דען געבראָכען?

אַרגאַנד ווי דען ווערט אָנגערופען דאָס, וואָס דו, מיין זון, האָסט זיך בשתיקה געזעהען מיט זשאַן רול'ן, דעם הויפט־אָנפיהרער פון דעם שטרייק?

ראָבערט. (אַביסל פערוואונדערט) געזעהען זיך?.. (שטייף) איך האָב זיך מיט איהם געזעהען.., סך־הכל איינמאָל... נעכטען... אמת!..

אַרגאַנד. דו ביזט זיך מודה?.. אַהאַ!? דו ביזט זיך מודה?

ראָבערט. פאַר וואָס זאָל איך זיך ניט מודה זיין?.. איך בין זיך בעגאַנגען אַזוי, ווי איך האָב זיך בעדאַרפט בעגעהן... איהר מיינט אפשר, אז דער טריט איז געווען פיינדליך פאַר אייך?...

אַרגאַנד. אַ פיינדליכער אָדער אַ פריעדליכער, אָבער דער טהאַט בעליידיגט מיר. איך האָב דען דיר געבעטען זיך אריינמישען? אויף וואָס פאַר אַגרונד האָסטו זיך גענומען אזאַ מאָדנע בעפאָלמעכטיגונג?.. און ווי האָסטו דאָס ניט געפיהלט, אַז אַזאַ טריט אין אַזאַ מינוט, ווי ער זאָל ניט זיין, בעדייט מעהר ניט די אָבשוואַבונג פון מיין אויטאָריטעט.. עס קען גאָר זיין, אַז דו האָסט מיט דעם געגעבען אַ נייעם געוועהר מיינע שונאים?.. און אויב דו האָסט דאס אַלץ יע פערשטאַנען, טאָ ווי אַזוי האָסטו דאָס געוואַגט?

ראָבערט. ווי האָב איך דאָס געקענט פערשוואַכען אייער אויטאָריטעט און געבען זיי אין די הענד איין איבריגע געוועהר? איך האָב דאָך גערעדט נאָר פון מיין אייגענעם נאָמען.

אַרגאַנד. פון דיין נאמען! מיט וואָס פאַר אַ רעכט?.. דו ביזט דאָ גאָר גישט... גאָר נישט... גאָר נישט..

ראָבערט. איך בין אַ מענש!

אַרגאַנד (מיט אַ בעפעהלענדען טאָן) דו ביזט מיין זון!

ראָבערט. צו דען, אַז איך בין אייער זון, האָב איך ניט

דאָס רעכט צוליעב דעם דיינקען אויף מיין שטיינער... לעבען אויף מיין שטיינער... און לעבען ווי מיר געפעלט! איך ערפיל מיין חוב...

ארגאנד. (אויפגערעגט) אָ, „אויף דיין שטיינער"... „ערפיהלען דיין חוב" ד. ה. געהן געגען מיר... מאַכען ברודערשאַפט מיט מיינע פיינד?.. ווי פערנארישט איך בין געווען, ווי בלינד איך בין געווען, וואָס איך האב דיר געהייסען זיך אומקעהרען אהיים. „דיין בערוף"... די עקעלהאַפטע געשרייען: „עס לעבע ראָבערט ארגאנד", וואָס איך הער אַלע ווײלע, וואָס הערען ניט אויף צו רייסען מיין נשמה און שטעכען אין הארצען, ווי מעסערס... די סטראשונקעס... מאָרדען... שרפות... ראבעווען, אלץ, וואָס עס קאָכט אויף'ן נשמה פון די ווילדע מענשען, וואָס האָבען זיך אזוי ווי אָבגעריסען פון קייט, וואָס געהען מיט דיין נאָמען געגען מיר און וואָס זיינען איינשטימיג מיט דיר — אָט דאָס איז ער, דיין לעבען „אויף דיין שטיינער"... אָט דאָס איז דיין „בערוף" — האָב חאָטש די מיטה אָנצ.רופען די קינד מיט איהר אמת'ן נאָמען — דו ווילסט כבוד!.. און כדי בעפריעדיגען דיין כבוד, שטעלט דיר קיין זאך ניט אָפּ, ניט דער טוידט פון דיין פאָטער... ניט די פערזאומגליקליכונג פון די גאנצע הויזגעזינד...

ראָבערט. איהר זייט צו נערוועז, פאָטער... און איהר רעדט אונגערעכט... מיר דארפען זיך ניט ריידען איינע די אנדערע אזוינע ווערטער, וואָס מען זאָל שוין נאָך דעם ניט קענען פעררירטען... ערלויבט מיר אָוועקגעהן...

ארגאנד. בלייב... בלייב! (ער געהט ארום צורודערט איבערען צימער, זעצט זיך נאכהער צום שרייבטיש און וויל זיך איינהאלטען) אין וואָס איז בעשטאנען דער טריט, וואָס דו האָסט נעכטען געטהאָן?.. איך דארף דאָס וויסען...

ראָבערט. (זעצט זיך אויך) איך דארף דאָס גאָר ניט בעהאלטען פון אייך... איך האָב נעכטען געהערט פון זשענעוויעווען, אַז איהר האָט געבעטען צו שיקען חיל צו מאכען אַ סוף צום שטרייק... און אז דער חיל וועט היינט קומען. איך האָב פערשטאנען, אז עס קען טרעפען אנ'אומגליק... איך האָב ניט געקענט פערטראָגען דעם געדאַנק, אַז צוליעב אַ טרויעריגען טעות, וואָס דערווייל קען מען נאָך דאָס אָפּשאַפען, וועלען שטאַרבען הונדערטער מענשען... דאָס בלוט... בלוט אויף אינזער הויז אין אויף אונז!.. (אַ שווייגען) איך האָב זיך דאַן בעשלאָסען צו געהן אוז דורכצוריידען מיט זשאַן רול'ן.

ארגאנד. פאַר וואָס עפעס מיט איהם?.. און ניט מיט מיר? פאַר וואָס האסט דו מיט מיר ניט דורכגערעדט?..

ראבערט. אך... איהר האט מיר פערזאגט איך זאל ניט

רייזען מיט איך... און דערצו האב איך נאך געוואוסט, אז דאס וואלט געווען איננוצליך!..

ארגאנד. דו האסט דאס ניט געקענט וויסען...

ראבערט. איך קען אייך געניג, אז איך זאל פערשטיין, אז איהר זייט געקומען צו דעם שרעקליכען בעשלוס ניט פלוצלונג, נאר נאך א לאנגען אינערליכען קאמפף מיט זיך... איך האב ניט געהאט קיין האפנונג אויפצוטהאן א פעולה. (ענטפערנדיג אויף ארגאנד'ס בעוועגונג). א, פאטער, איך בעט אייך, צעפעט זיך ניט צו צו מיינע ווערטער... שטעלט זיך מעהר ניט אפ אויף דעם זינן, וואס איך גיעב זיי צו און אויף די וויכטיגע אורזאכען, צוליעב וועלבע איך זאג דאס ארויס... זשאן רול איז אזא היציגער, אזא ניט קיין איינגעהאלטענער... נאר דער שכל האט צו איהם פונדרעסטוועגען א צוטרעט... און איך בין זיכער, אז זיין הארץ איז פול רחמנות... איך האב געפרובט איהם געבען צו פערשטעהן, וואס פאר א פעראנטווארטליכקייט ער נעמט אויף זיך, אז אין זיינע הענד געפינט זיך דער לעבען פון עטליכע טויזענד מענשען... ער האט זיך אליין אויסגערופען צו קומען צו אייך פארלייגען נייע פאדערונגען... איך האב ניט געהאט קיין רעכט צו געבען איהם וועלכע עס איז הבטחות. ער פון זיין זייט האט מיר מעהר ניט צוגעזאגט צו קומען צו אייך... דאס גאר...

ארגאנד. איך וועל איהם ניט צונעהמען. איך קען איהם גאר ניט אנערקענען... איך האב איהם ארויסגעטריבען פון פאבריק...

ראבערט. איהר האט איהם ארויסגעטריבען, אבער פינף טויזענד ארבייטער האבען איהם אויסגעקליבען!..

ארגאנד. פינף טויזענד מיאטעזניקעס!.. איך דארף זיי ניט זיין געהארכזאם, זאלען זיי פריהער מיר פאלגען...

ראבערט. און אויב זשאן רול וועט אייך פארלייגען שלום?

ארגאנד. דורך ניט געשטיגענע און בעליידיגענדע הנחות? ניין... ניין... עס וואלט געווען א אומזין צו קלעהרען וועגען דעם! (ער שטעלט זיך און הויבט אן צו געהן הין און צוריק איבער'ן צימער. א שווייגען). מיר האבען זיך איצטער איינער די אנדערע אנגערעדט בעליידיגונגס-ווערטער אהן נוצען פאר וועמען עס איז, זיי וועלען דאך קיין זאך ניט אומבייטען... זיי שאפען מעהר ניט ווי וועהטאג... לאמיר זיין פערשטענדיג. (ער שפארט זיך אן מיט'ן פלייצע צום אייוועץ). איך האלט זיך ניט פאר קיין שלעכטען מענשען... איך האב דיר אויך בעוויזען, אז איך בין ניט קיין טיראן... אז, פערקעהרט, איך קען מיטפיהלען יענעמס פרייהייט... איך האב דיר געלאזען זיך ענטוויקלען נאך דיינע נאטירליכע נייגונגען, נאך דיין וואונש און נאך דיינע איבערצייגונגען... דו קענסט

מיר ניט אויפוואַרפען, אַז איך האָב ווען עס איז געשטערט דיינע שטרעבונגען...

ר אָ ב ע ר ט. (בעלעבט) דערפאַר דאַנק איך אייך פון גאַנ־צען האַרצען... איך שווער אייך...

אַ ר ג אַ נ ד. און אין דער זעלבער צייט האָבען מיר דיינע שטרעבונגען אויסגעוויזען פאַר פאַנטאַזיעס... נעפּעהרליכע... און אַלענפאַלס זעהר ווייט פון מיינע מיינונגען!.. חוץ דעם האָבען דיינע שטרעבונגען צושטערט דעם געדאַנק, וואָס איך האָב פון אַלע מאָל געהאַלטען פאַרבאָרגען, אַז איך וועל ערציעהען פון דיר אַ חבר אין מיינע געשעפטען... און ווען איך וויל מעהר שוין ניט זיין... ווע‎סטו בלייבען אַ טרייער היטער פון דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דאָ בעשאַפען... (צורודערט און מיט אַ פערביטענע שטימע) איך האָב ניט פאָראויס־געזעהען די נויטיגע, שלימזלדיגע און טרויעריגע פאָלגען פון דעם... איין גאָט ווייס, אויף וויפיעל!.. (זיין שטימע האַקט זיך איבער... ראָבערט, אויך אומעטיג און צורודערט, פערדעקט מיט די הענד די געזיכט). דו הערסט מיר אויס?..

ר אָ ב ע ר ט. אַ.. פאָטער... פאָטער מיינער... איהר רייסט מיר מיין האַרץ!..

אַ ר ג אַ נ ד. (רעדט ווייטער פערביטערט). בקיצור איך האָב ניט פאָראויס־געזעהען דאָס, וואָס האָט זיך געטראָפען... איך האָב ניט גערעכענט אַז מיין פריידענקען פון אַ פאָטער וועט... ווען עס איז ברייענגען צו אַזאַ שרעקליכען סוף... אַז מיר וועלען ריידען איינער מיט דעם אַנדערען... מיר וועלען קוקען איינע אויפ'ין אַנ־דערען... ניט ווי אַ פאָטער אויף אַ זוהן... נאָר ווי צוויי שונאים!..

ר אָ ב ע ר ט. (שמעלט זיך גיך) רעדט דאָס ניט, איך בעט אייך (טהוט זיך אַ ריס). איך האָב אייך האָלט... איך האָב אייך האָלט.

אַ ר ג אַ נ ד. יע, ווען מיר וואָלטען זיך איינער דעם אַנדערן כאָטש ניט האָלט געהאַט, מיין קינד, וואָלטען מיר ניט געווען אַזוי אומגליקליך!..

ר אָ ב ע ר ט. פאָטער!.. מיין פאָטער! (מאַכט אַ טריט צו־צוגעהן צום פאָטער; ער פאַלט אָהן כחות אויפ'ן פאָטעל. אַ שווייגען).

אַ ר ג אַ נ ד. הער מיר אויס... איך האָב אין לעבען ניט געהאַט קיין אַנדער הנאָה... חוץ די תאוה צו אַרבייט... ניט צוליעב געלד, ניט צוליעב רייכטהום אָדער לוקסוס... נור צוליעב די טיפע און ערהאַבענע פרייד, וועלכען עס פערשאַפט דער האָ־רעווען... און אין די לעצטע עטליכע יאָהר אויך אַגב, כדי זיך צו פער־געסען אָן די צרות!.. איך קען זאָגען מיט צופרידענהייט אַז מיין געזעלשאַפטליכע ראָליע... מיין ראָליע האָט געבראַכט ניצען אַנדערע... מעהר ניצען ווי די פערדונקעלטע טעאָריען... אומזיסטע הבטחות...

און אומעגליכע חלומות... אויב מיט מיין גאנצע ארבייט, מיט דאס אלץ, וואס איך האב בעקומען פון דעם רויהען מאטעריאל, האב איך ניט רייך געמאכט די ארימע לייט, האב איך דאך אין א בעדייטענדען גראד פערבעסערט זייער צושטאנד... און איך האב וייכער געמאכט די שווערע הנאים פון זייער לעבען... געבענדיג זיי די מעגליכקייט וואלוועל צו קריגען די נויטיגע זאכען, וואס זיי האבען ניט געהאט ביז מיר און וואס איך האב געשאפען פאר זיי... פאר זיי... איך בין געווען קארג אויף רייד, אבער מיין פראצע האט געמאכט א פעולה... איך האב געטהאן... עס איז אפנים ניט אמת?...

ראבערט. איך האב קיין מאל ניט געלייקענט ניט פון אייער גוטען מיין... ניט פון אייער אנגעשטריינגטע מאטערנים...

ארגאנד. וואס אנבעלאנגט די בעציעהונגען, וואס האבען זיך איינגעשטעלט — מיט וואס נאך פאר א קאמפף! — צווישען מיר און מיינע ארבייטער, האב איך געפרובט זיי געבען וואס מעהר פרייהייט... איך בין פערגאנגען אויף דעם וועג אזוי וויט, וויפיעל איך האב נאר געקענט... איך בין פערגאנגען אזוי וויט, אז מיינע פריינד ווארפען מיר אויף אין שוואכקייט און אין אפטרעטען פון מיין קלאסס... קינדער זעה איך צו לערנען און ערציעהען... ביי די ארבייטער אליין ענטוויקלען די זיטליכקייט ביז דעם פאללען בעוואוסטזיין פון זייער פערזענליכקייט... אלטע לייט זעה איך צו פערזיכערען פון נויט, זיי קענען ביי מיר געבארען ווערען, לעבען און שטארבען.

ראבערט. (שלאגט איהם איבער) עלענדע! (א שווייגען). יע, דאס אלץ האט איהר טאקע געטהאן! און דאך האט אלע מאל... אלע מאל האט געהערשט ארום אייך נור נויט!.

ארגאנד. (מיט א העכערע שטימע) דאס איז ניט צוליעב מיין שולד!

ראבערט. הייסט דאס פון זייער שולד?

ארגאנד. צו דען קען איך צושטערען דעם אייבינען לע- בענס-געזעץ, וואס פאדערט, אז אלץ זאל ווערען בעשאפען מיט ליידען און אלץ זאל געבויט ווערען אויף ליידען?

ראבערט. א פערענטפערונג אויף אלע געוואלדטהאטען, א פערענטפערונג אויף אלע טיראנעשאפט.. „דער געזעץ פון לעבען איז ליידען". א שרעקליכער ווארט, פאטער!

ארגאנד. דער ווארט האט געהערשט איבער דער גאנצער געשיכטע.

ראבערט. מאטערנים... בלוטבעדער... פייערשייטער— דאס איז די געשיכטע!.. די געשיכטע איז א הויחל, אין וועלכען

עס איז בעגראָבען אש... ריהרט זיך ניט צו צו די פּוילענים.. קעהרט זיך ניט אום מיט אזא עקשנות צו דעם עבר פון פינכטערנים אין בלוט! די ליכט דאַרף מען זוכען אין צוקונפט! ווייטער הרג'ענען! אייביג הרג'ענען! צו דען איז נאָך די מענשהייט ניט פערכאַטערט פון די שטענדיגע קרבנות!.. און צו איז נאָך דען ניט געקומען פאַר די מענשען די שעה פון רחמים!..

ארגאנד. רחמים!.. (וואַרפט זיך אַרום ווי אין היץ איבער'ן צימער). רחמנות ערנידעריגט... מאַכט אוים מענש... זי דערשטיקט די ענערגיע און פערהאלט דעם פראָגרעסס. זי ברייננט קיין נוצען ניט... דער, וואָס בעשאַפט עפּעס, אַלץ איינס, וואָס דאָס זאָל ניט זיין... דער געלעהרטער, וואָס קעמפּפט מיט דער נאַטור, וועלענדיג אַרויסרייסען ביי איהר איהרע סודות... דער געשעפטסמענש, וואָס הערשט איבער די פערגרעבטע רויהע שטאָף, כדי צו אונטערטעניגען איהרע כחות, נויטען זיי צו דיענען די בעדערפניסען פון מענשען... און אויסניצען זיי צו זיין טובה און וואוילטאָג... די אַלע ארבייטער־שעפּפער האָבען ניט קיין רעכט זיך אָפּצושטעלען פאַר רחמנות... זייער טהעטיגקייט פערשפּרייט זיך ווייטער פון די צייט, און וועלכע זיי לעבען... זי טרעט איבער דעם מהלך, וועלכען זייער אויג קען אַרומכאַפּען... פון דעם איינצעלנען מענשען פערברייטערט זי זיך און שפּרייט זיך פונאנדער' אויף'ן גאַנצען פאָלק, אויף די גאַנצע וועלט... און אויב זי דערשטיקט אויף איהר וועג עטליכע שוואכע בעשעפניסען, דערמאָהנט זיך אָבער, אז אפילו ברייננט זי שיינהייט אין בעפרייאונג. איך האָב געקע-ט... איך האָב גענדאַרפט זיין טאקע אזא מענש... ווען איך וואָלט געוועזען פרעמד פון מיטלייד, וואָלט איך אפשר נאָך אויסגעפיהרט נאָך א גרעסערען געדאנק.

ראָבערט. איהר בערעדט זיך אַליין, פאָטער!..

ארגאנד. ניין... איך בעדויער מעהר ניט זיך אַליין! (אשווייגען) און אָט איז ער איצטער פאַר מיר, דער פועל־יוצא פון דעם נאַרישען מיטלייד... וועלכען איך האָב ניט געוואוסט ווי, וועלכען איך האָב ניט געקענט.. איינהאַלטען אין זיך... די צופאַלונג פון אַלע מיינע האָפנונגען... און חורבות אַרום מיר! (שאַרף) נאָר א סוף איצטער צו דעם! זיי ווילען האָבען א בעל־הבית און זיי וועלען דאָס געפינען אין מיר!..

ראָבערט. היט זיך, די בעשעפעניסען, וועלכע איהר שטיקט—מיט וועלכע משונה־דיגע גאוה האַלט איהר זיי פאַר נישטיגע?.. נאָך וועלכען יושר וואָס שטעלט זיך העכער פאַר טויט און לעבען... פערמשפּט איהר זיי צום טויט?.. איהר דאַרפט געבען א חשבון דער מענשהייט נור פאַר די נפשות, וועלכע

איהר האָט גענומען אונטער אייער שוץ... און ניט פֿאַר אַלי איבעריגע... צו דען האָט איהר קיין מאָל ניט אַ קלעהר געטהאָן אָהן אַ שוידער, אַז איהר קענט ווערען דער גזלן פֿון דעם גרויסען צוקונפֿט... וועלכער ווייגט ערגעץ וואו... עס קען זיין... אָט דאָ טאַקע ביי אייך?..

אַרגאַנד. (קוועטשט מיט די פלייצעס און געהט אַרום שטאַרק צורודערט איבער'ן צימער. אַ שווייגען) וואָס זשע... זיי הויבען אָן!

ראָבערט. ווי וואגט איהר צו פֿאָדערן פֿון שוואַכע פֿינסטערע מענשען... פֿון זייערע עלענדע קינדערשע מוחות, וואָס קענען קוים מורמלען, אַז זיי זאָלען זיך אָנטהאָן דעם געט־ליבען כח, וועלכען איהר, פֿאָטער, קענט ניט דערגרייכען ניט מיט אייער פֿערשטאַנד, ניט מיט אייער האַרצען!..

אַרגאַנד. דו רעגסט דיך אויף מיט בלויזע ווערטער!.. דו ווערסט שכור פֿון דעם אַרומיגען לופֿט... גענוג שוין קלינגענ־דיגע פֿראַזען... מען דאַרף עפּעס טהאָן... אָט וואָס... ווען מען רעדט אַזוי הויך, מיט אַזאַ זיכערהייט, איז דאָ אָהן אַ ספק אַ פֿאַר־טיגע פּראָגראַם, וואָס איז קלאָהר און פּינקטליך אויסגעדריקט... האָסטו אַזאַ פּראָגראַם?.. דערצייל מיר איהר און איך וועל אָנ־הויבען איהר מקיים צו זיין...

ראָבערט. צו וואָס זאָל איך אייך איהר דערציילען, אַז מיין גאַנצע פּראָגראַם בעשטעהט אין איין וואָרט, וועלכען איהר לייקענט אָפּ?..

אַרגאַנד. (מיט כעס) אין איין וואָרט... אין איין וואָרט... אַ קללה!

ראָבערט. און אַזוי ווי איהר האָט שוין פֿאַרוים בע־שלאָסען איינצוזעהן מעהר ניט הוילע ווערטער אין אַלע מיינע רייד... נור אָפּוסטען ווינד...

אַרגאַנד. פֿערפֿלוכט זאָל דאָס ווערען!.. איך האָב שוין פֿער־שטאַנען... דו רעדסט קיין זאַך ניט... און אַלע זיינע זיי אַזעלכע... (האַלט זיך מעהר ניט איין) נאָר אויב דו האָסט מעהר קיין זאַך ניט פֿאַר־צולייגען די אָרימע מענשען, אַחוץ ווערטער, אויב דו טראָגסט זיי אונטער ווערטער, ווי אַ בעכער מיט שטאַרקען געטראַנק און פֿיהרסט זיי צום טויט... ווייסטו וואָס דאָס איז?.. אַזוינע זיינען משוגעים אָדער מערדער... קלייב אוים.

ראָבערט. (מיט אָנגרייפֿונג). איהר זייט גערעכט... אינזערע מיינונגען געהען זיך פֿענאַנדער... דאָס איז אַגרויסער אומגליק... איך וויל אַוועקגעהן...

אַרגאַנד. (נאָך אַ קורצען שווייגען מיט דעם פֿריהערדיגען טאָן) פֿון מיינטוועגען, קענסט זיך געהן! (עס געהט אַריין אַ לאַקיי).

דריטע ערשיינונג.

די זעלבע און דער לאַקיי.

אַרגאַנד. וואָס נאָך?

לאַקיי. איסגעקליבענע פֿון די שטרייקער זיינען ביי די טויערען פֿון פּאַלאַץ... זיי ווילען זעהן דעם הערען.

אַרגאַנד. אָ!.. אָ!.. וויפֿיעל זשע זיינען זיי דאָ? (דער לאַקיי גיט איבער אַרגאַנדען אַ צעטעלע אויף אַ זילבערנעם טאַץ) לואי טיער... זשאַן רול, אַנסעל קאַטיאַר, פּיער אַנכאָם א. ז. וו. זעקס (צירייסט דעם פּאַפּיער) גוט!.. (ארגאַנד און ראָבערט קוקען זיך איבער.—דעם לאַקיי) זאָל מען זיי עפֿענען דעם טויער... זאָלען זיי אַריינקומען... (דער לאַקיי וויל אַוועקגעהן) דער הערר מעגרע איז ביי זיך?

לאַקיי. דער הערר מעגרע איז ביי זיך.

אַרגאַנד. זאָגט באַפּטיסטען, אַז ער זאָל צוגעהן רופֿען דעם הערען מעגרע און זאָל איהם בעטען אויפֿוואַרטען אויף מיר אין ביליאַרד=צימער.

דער לאַקיי איך הער! (געהט אַוועק. ראָבערט געהט אויך צום טיר).

פֿיערטע ערשיינונג.

אַרגאַנד, ראָבערט.

אַרגאַנד. דו... פֿערבלייבסט דאָ (ראָבערט גיט זיך אַ ריהר) איך האָב איינגעשטיכט זיי אָנצונעהמען... אָבער איך וויל, אַז דו זאָלסט זיין דערביי (דערזעהענדיג ראָבערט'ס בעוועגונג, שאַרף) איך וויל אַזוי... דוכט זיך איך פֿאָדער ניט פֿיעל.

ראָבערט. אָבער צוליעב וואָס, פֿאָטער?

אַרגאַנד. ווייל איך וויל דאָס! (ראָבערט מאַכט, אַז ער גיעט זיך אונטער. אַרגאַנד געהט אַרום צוטראָגען איבער'ן צימער, נאָכהער זעטצט ער זיך צום שרייבטיש, וואו ער קלייבט איבער די פּאַפּיערען. אַ לאַנגער שווייגען. עס גייהען אַריין די אויסגעקליבענע).

פֿינפֿטע ערשיינונג.

אַרגאַנד, ראָבערט, זשאַן רול, לואי טיער

און נאָך פֿיער אויסגעקליבענע.

די אַרבייטער גייהען אריין פּאַמעלאַך, האַלטענדיג די היטלען אין ד' הענד: דער ערשטער געהט זשאַן רול, פֿערהבאַרעט, אָבער רוהיג; נאָך איהם

לואי טיער איינגעהויקערט, גראה, אביסיל ווי פערשעהמט, די אויסגעקליבענע שטעלען זיך אין שורה פאר ארגאנד'ס שרייב-טיש: זיי זיינען אזוי ווי איספּוזעט געווארען, דערזעהענדיג די שטרענגע לוקסוס פון קאבינעט. לואי טיער שטעלט אויס די אויגען אויפ'ן דיוואן, די איבעריגע דרייהען די היט אין די הענד, אויסער זשאן רול'ן, וועלכער האלט זיך גלייך, פריי, שטאלץ, אבער ניט אויפרייצענד. ארגאנד זיצט אונבעוועגליך, אנשפארענדיג זיך אהן דעם פארענץ פון דעם פאטעל און אוועקלייגענדיג די מארדע אויפ'ן האנד. עס איז קענטיג אז ער וויל צוגעבען זיין געזיכט איין אייזקאלטע מינע, ראבערט וואס האט זיך איבערגעקוקט מיט זשאן רול'ן ביין ארייגעהן פון די אויסגעקליבענע, האט זיך דערווייטערט אין אווינקעל. עס הערשט איין אונ'אנגענעהמער שווייגען.

ארגאנד. (אפגעריסען) נו, וואס, איך הער אייך!..

זשאן רול. (אביסיל מיט פאראד). מיר זיינען געקוממען צו בערוהיגען אונזער געוויסען.. (אשווייגען) אויב איהר וועט ענטזאגען די פארשלאגען, וואס איך בין געקומען אייך איבערגעבען דעם לעצטען מאל אין נאמען פון פינף טויזענד ארבייטער... איז איבעריג צו זאגען, אז מיר זיינען גרייט צום קאמפף. אונז שרעקט ניט אפ ניט די חיל, וואס איהר רופט, ניט דער הונגער, מיט וועלכען איהר מארעט אונז. אונזעריע פאדערונגען זיינען פערשטענדיג און גערעכט... איהר דארפט בעשליסען, צו איהר ווילט בעסער מלחמה (אשווייגען). איך בעט אייך חוץ דעם האבען אין זין, אז אויב מיר האבען איצטער ארויסגענומען פון אונזער פראגראם איינינע פאדערונגען, איז דאס ניט דערפאר, ווייל מיר ענטזאגען זיך פון זיי—מיר לייגען זיי נאר אפ אויף אנ'אנדער מאל (מיט גרויסקייט) דאס איז אונזער גוטער ווילען!. (אשווייגען ארגאנד איז ווי פערשטיינערט, איין אבר גיט זיך ניט אטרייסל אויף זיין געזיכט, זשאן נעמט ארויס פון קעשענע פון זיין בלוזע אפאפיער, אין וועלכען ער קוקט ווילענווייז איין) ערשטענס, האלטען מיר זיך ביי אינזער הויפטפאדערונג פון א 8 שעה-דיגען ארבייטס-טאג, ניט אראפרעכענענדיג קיין שכירות. פאר וואס דאס איז, האב איך אייך שוין ערקלערט און נאכאמאל וועל איך דאס ניט טהאן. (ארגאנד שווייגט) בפרט נאך, אז איהר, ווי איך זעה, ווילט היינט ניט ריידען. צווייטענס, מאכען געזונדער די פאבריק. אויב איהר, ווי מען שרייבט אין אלע צייטונגען, זייט אזא גוטהערציגער בעל-הבית, קענט איהר דאך ניט פאדערן פון מענשען, אז זיי זאלען ארבייטען אין געביידעס מיט אשעדליכע, פערסמ'טע לופט... אין דעם פאל, אויב איהר וועט בעצם אננעהמען די פאדערונג, וועלכען מיר גיעבען צו זעהר אגרויסע וויכטיגקייט, וועלען מיר זיך נאך דארפען צוזאמענ-ריידען, אין וואס דארף בעשטעהן די ארבייט וועגען געזינדער מאכען די ווארשטאטען, און אויך וועגען אונזער רעכט נאכצוקוקען ווי די ארבייט ווערט ערפיהלט (ארגאנד ריהרט זיך ניט די גאנצע צייט און שווייגט; זשאן רול קוקט אויף איהם איינינע ווייל'ען. ניט אראפלאזענדיג די אויגען, נאכהער טהוט

ער אנ׳אונבעשטימטען מאך מיט׳ן האנד). לאָמיר דערפיהרען ביזן סוף, ווייל מיר זיינען געקומען אהער צו בערוהיגען אונזער געוויסען... (אשווייגען). צווייטענס, פערבייטען מיט אַמעכאַנישען מיטעל אלע ארבייט ביין שמעלצען. שמעלצען איז ניט קיין ארבייט, נאָר איסורים! די ארבייט ווערט שוין געמאכט מעכאניש אויף אפולע פאבריקען, ניט אזוינע רייכע, ווי אייערע... דאָס איז אַנ׳אמת׳ע רציחה לאָזען מענשען שטעהן דריי שעה נאַקעט אונטער וואַסער-שפריצערס, פערברענט פון דורסט, מיט אַהויט, פון וועלכע עס געהט אַפּאַרע און מישען די מעטאַלישע שמעלצונג, צופאַלענדיג מיט׳ן געזיכט צום לאָך פון דעם אָנגעברענטען אויווען, אייך איז דאָך גוט בעוואוסט, אַז יענער אומגליקליכער, וועלכען איהר פערמשפט צו דעם שרעקליכען יסורים, וועט אין 10 יאָהר אַרום... זיין טויט! (אַרגאַנד בלייבט רוהיג, זשאַן רול גיט אַמאַך מיט׳ן האַנד. אַשווייגען) פערטענס, אַשטרענגען אויפזעהען איבער די וויין און דעם ספירט. (אשווייגען) כאָטש איהר האָט אַריינגענומען דעם גאַנצען היגען האַנדעל... אונטער דעם פערפירענדען אויסזעהן פון שותפות׳ע געזעלשאַפטען, זייט איהר אונזער קצב, אונזער בעקער... אונזער בשמים=קרעמער... אונזער וויין=קרעמער א. ז. וו. א. ז. וו. אָבער דאָך וואָלט איהר אפשר געדאַרפט נעהמען פון אונז ווייניגער פערדיענסט, וועלכען איהר בעקומט מיט שאָדען פיר אונזער געזונד. אַלץ, מיט וואָס מיר אַטהעמען דאָ, איז פאַר אונז אַ טויט! וואָס מיר טרינקען איז אַסם! מיר ווילען אי אַטהעמען, אי טרינקען לעבען! (אַשווייגען פון אַרגאַנד׳ס זייט) פינפטעס, און דאָס דרינגט נאַטירליך, נויטיג און מאָראַליש פון דעם 8 שעה=גען אַרבייטס=טאָג... מיר ווילען אַז מען זאָל גרינדען אַביבליאָטהעק פאַר די אַרבייטער מיט ביכער פילאָזאָפישע, היסטאָרישע, וויסענשאַפטליכע און ליטעראַרישע, מיט ביכער וועגען קינסט, וואָס איך וויל אייך געבען פון זיי אצעטיל... ווייל ווי אָרים דער מענש איז ניט, לעבט ער ניט על הלחם לבדו! (אשווייגען) ער האָט דאָס רעכט אויף שיינהייט, ווי די רייכע!.. (אַקאַלטער שווייגען) צום סוף... צוריק צו צונעהמען אויף׳ן פאַבריק אַלע אַרבייטער, וועלכע איהר האָט ענטזאַגט פון דער צייט פון שטרייק און אַרויסגעבען זיי די נעהאַלט פאַר די צושלאָגענע טעג. דאָס אַלץ פאָדער איך ניט פאַר זיך... ווען אונזער קאָנטראַקט מיט אייך וועט זיין אונטערגעשריעבען, וועל איך אַוועקפאָהרען פון דאַנען. (ער לייגט אַוועק דעם פּאַפּיער אויף׳ן שרייב=טיש)

אַרגאַנד. (נאָך אַקורצען שווייגען, זיך ניט ריהרענדיג פון אָרט, מיט אַשאַרפע שטימע) דאָס איז אַלץ?

זשאַן רול. אַלץ...

ארגאנד. (ווענדט זיך צו לואי טיער'ן) און וואס רעכענסטו די וועגען דאס אלץ, טיער?.. איצטער דארפסטו ביבליאטהעקען?.. נו, גיעב אקוק אויף מיר!

טיער. (לאזט ניט אראפ די אויגען פון דיוואן) הערר ארגאנד... הערר ארגאנד...

ארגאנד. גיב אקוק אויף מיר, זאג איך דיר...

זשאן רול. בעליידיגט ניט דעם ארימען מענשען! גיעט בעסער איהר אליין אקוק וואס האבען געמאכט פון איהם 27 יאהר לעבען ביי אייך... ארבייטען ביי אייך!..

ארגאנד. אך, מיין עלענדער טיער! אז דו וואלסט ניט געווען אונטער דעם ווירקונג פון דעם מענשען... ווען דו וואלסט געקענט פריי ארויסזאגען וואס ביי דיר אויפ'ן הארצען איז... איך קען דיר, דו וואלסט זיך געווארפען צו מיינע פיס און וואלסט גע-בעטען ביי מיר מחילה!

לואי טיער. (וויל צו געהן צו ארגאנד'ן) הערר ארגאנד... הערר ארגאנד...

זשאן רול. (ענערגיש) טא פרעג זשע ביי איהם, וואס האט ער געמאכט פון דיין ווייב, פון דיינע צוויי זין!

לואי טיער (מיט גרויס אנשטריינגונג) הערר ארגאנד... דאס איז אמת... אזוי קען מען ניט לעבען, מען קען ניט! דאס איז אונגערעכט!..

ארגאנד. דו חורסט איבער מעהר ניט, וואס מען האט דיר איינגעדרומעלט, נאררישער מענש, דו האסט אפילו ניט גוט אויסגעלערנט... דו ווייסט דאס שלעכט...

זשאן רול. (געהט צו צום שרייבטיש). מען דארף מאכען אסוף... אייער ענטפער?

ארגאנד. (גראב אבער נאך איינגעהאלטען). נו, אט איז מיין ענטפער... איהר האט, פערשטייט זיך, גאר ניט גערעכענט, אז איך וויל בעקלעהרען די אלע אייערע נאררישקייטען... ביי מיר אין די הענד איז אגאנצער משפט וועגען אייך... צום בעדויערן, האב איך איהם שפעט בעקומען... פון דעסטוועגען איז דאס איצטער ביי מיר! אייך רופט מען זשאן רול?

זשאן רול. צו מען רופט מיר אזוי אדער אנדערש, וואס האט דאס צו אייך?

ארגאנד. איך וועל אייך ערקלעהרען, וואס האט דאס צו מיר. איהר האט זיך אריינגעמאכט צו מיר אין פאבריק מיט א פאלשען אויסרעכנונג-ביכל.

זשאן רול. איהר וואלט מיר אפנים גענומען אהן א ביכל?.. וואס ווייטער?

אַרגאַנד. (ער בעלעבט זיך אַלץ מעהר) איהר האָט געהאַט אויף זיך אין פראנקרייך, ניט ריידענדיג שוין וועגען אויס-לאַנד... צוויי משפטים: איינעם פאַר גנבה... און איינעם פאַר געוואַלט בשעת א שטרייק... איהר זייט אַנטלאָפען פון דאָרטען, וואו מען האָט אייך פערשיקט...

זשאַן רול. און וואָס נאָך?..

אַרגאַנד. איהר זייט פערמישט אין די דיעלאָ פון די אַנאַרכיסטען. איהר זייט אַגנב... אַרוצח!

זשאַן רול. ווייטער?..

אַרגאַנד. ווייטער איז דאָס! (שטעלט זיך מיט צאָרן) וואָס, אויב איך וועל אייך איבערגעבען אין די הענד פון געריכט.

זשאַן רול. (מיט גרויסקייט און שטראָשענדיג) גיט איבער.

ראָבערט. (מישט זיך אריין) ווער דער מענש זאָל ניט זיין, פאָטער... ער איז דאָ אונטער דעם שוץ פון אייער עהרע... און מיינע...

אַרגאַנד. (צו ראָבערט׳ן, אויפגעבראַכט) דו... (ער ענדיגט ניט די פראַזע... אויסער זיך צו די אויסגעקליבענע) וואָס טהוט איהר דאָ? וואן!.. איך טרייב אייך אַרויס, געהט אַוועק.

זשאַן רול. דאָס האָט מען געדאַרפט ערוואַרטען פון אייך...

אַרגאַנד. יע.. יע.. איך טרייב אייך אַרויס... געהט אַוועק... וואָן... וואָן... (די אויסגעקליבענע גייהען צום טיר זשאַן רול לאָזט זיי דורך).

זשאַן רול. (קעהרט זיך אום צו אַרגאַנד׳ן) בכן, האָט איהר אויסגעקליבען בעסער מלחמה... אַמלחמה אָהן רחמנות, וואו קיינעם שאַנעוועט מען ניט! דערמאָהנט זיך אַז אונזערע זיינען פינף טויזענד!.. און אויב מיר וועלען מיט בלויזע הערצער געהן געגען די ביקסען און די האַרמאַטען פון אייערע סאָלדאַטען, וועלען מיר כאָטש קענען שטאַרבען, אַלע ביזן לעצטען, דאָס זאָג איך אייך... (געהט אַוועק).

זעקסטע ערשיינונג.

אַרגאַנד. (שטעלט טריט אויפגעבראַכט איבער׳ן צימער און רעדט אַרויס פלוצלונג) און דיר טרייב איך אייך אַרויס!.. איך זאָל דיר קיינמאָל מעהר דאָ ניט זעהן!.. אַרויס... וואָן... וואָן!..

ראָבערט. אָך, פאָטער!.. איהר האָט דאָס אַליין געוואָלט!.. (ער געהט אַוועק).

זיבעטע ערשיינונג.

ארגאנד, נאכהער דער לאקיי.

ארגאנד געהט לאנג ארום איבער'ן צימער. נאך זיין פערלארענהייט, נאך זיינע תנועות איז קענטיג, אז אין איהם קומט פאר אשטארקער קאמפף צווישען בעס און טרערען. ער קלינגט. עס קומט אריין דער לאקיי.

ארגאנד. גלייך רופט אריין דעם העדר מעגרע!..

לאקיי. גלייך, העדר! (ער געהט גיך אוועק. ארגאנד הויבט ווייטער אן צו געהן איבערן צימער, עס איז קענטיג אויף איהם גרויס פערצווייפלונג; צום סוף, בעזיעגט פון די שווערקייט, פאלט ער אין פאטעל פערשטעלט מיט די הענד די געזיכט און וויינט אויף'ן קול. עס געהט אריין מעגרע).

אכטע ערשיינונג.

ארגאנד, מעגרע.

מעגרע. (דערזעהענדיג ארגאנד'ן אין אזא לאגע, שטעלט זיך אוועק פערשטוינט אויף'ן שוועל און נאכהער טהוט ער זיך א וואָרף צו איהם). העדר ארגאנד! וואס האט מיט אייך געטראָפען? איהר וויינט.. איהר.. דאס איז ניט צו גלויבען... העדר ארגאנד... (ארגאנד ענטפערט גאר ניט, וויינט ווייטער) איך בעט אייך, זאגט וואס איז דאס?..

ארגאנד. איך בין אליין שולדיג... אליין שולדיג!..

מעגרע. און וואס זייט איהר שולדיג?..

ארגאנד. איך האב פערלאָרען דעם שכל... יע, עס איז אנגעקומען פונקט ווי א משוגעת... איך האב זיי אלעמען ארויס-געטריבען, אלעמען...

מעגרע. וואס איז... וואס איז?

ארגאנד. איך... איך ווייס ניט! איך ווייס גאר ניט... צו וואס האב איך דאס געטהאן?.. מעגרע? (ער נעהמט איהם פאר'ן האנד).

מעגרע. העדר ארגאנד!..

ארגאנד. איך האב מעהר קיין כוחות ניט, איך האב קיין מוטה ניט... איך פיהל דא א קלאפ... (ער נעהמט מעגרע'ס האנד און לייגט איהר מיט זיין האנד צוזאמען אויף'ן הארצען) זייט האבען צוגענומען ביי מיר מיין זון, איהר פערשטעהט?.. איך בין אין דעם אליין שולדיג... איך האב ניט געקענט איהם צונעמען

מיט רייד... איך האָב איהם צופיעל אויסגעפּרובט!.. און האָבען זיי ביי מיר אָפּגענומען מיין זון... זאָלען זיי אויך נעהמען די פאַבריק, זאָלען זיי אַלץ, אַלץ נעהמען... איך גיב זיי אַלץ אַוועק...

מ ע ג ר ע. צו דען רעדט איהר דאָס? איהר קענט אַזוי ניט ריידען!..

אַ ר ג אַ נ ד. יע, יע, מעגרע, דאָס בין איך. אַך, דאָס בין איך!.

מ ע ג ר ע. ניין, עס קען ניט זיין!

אַ ר ג אַ נ ד. און נאָך (מיט מאַטערנים), איך האָב געמיינט, אַז איך בין אַנ'אָרענטליכער מענשען; אַז איך האָב געטאָהן די אַרומיגע גוטס... אַז איך האָב אַלע מאָל געלעבט מיט אַנ'אונאויפהערליכע, נצליכע און ניט קיין פערפלעקטע פּראַצע. דאָס איז מיין עשירות, מיט וועלכע איך בין געוועזן שטאָלץ... אַ נאַרישע גאוה, ווייל דאָס האָט דערוועקט מיין לוסט צו אַרבייט און ווייל מיר האָט געדוכט, אַז איך פערשפּרייט איהר מיט פאָלען יושר אויף אַגדערע. יע, איך בין געוועזן זיכער, אַז איך האָב ניט אויסגעניצט מיין רייכטום צו שלעכטס, אַז איך האָב דאָס פערדיענט... איך בין דאָס ווערט... אַז דאָס געהערט מיר... מיט איין וואָרט, אַז דאָס האָט זיך בעשאַפען אין מיין מח... אַז דאָס געהערט מיין שכל... די בריאה פון מיין ווילען...

מ ע ג ר ע. און אוצטער איז דאָס שוין ניט אַזוי?

אַ אַ ג אַ נ ד. (אָפּגעלאָזען) יע, ווייזט אויס, ניט דאָס...

מ ע ג ר ע. עהרענוואָרט, איך זעה עפּעס אַ חלום... די מענשען, הייסט דאָס, האָבען אייך איבערגעקעהרט דעם מח?.. נו, דאָס איז שוין צו פיעל...

אַ ר ג אַ נ ד. זיי האָבען מיר בעצם הדבר פאָרגעלייגט גערעכטיגע פאָדערונגען...

מ ע ג ר ע. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) גערעכטיגע?.. זשאַן רול!.. דאָס וואָלט מיר פערוואונדערט..

אַ ר ג אַ נ ד. זיי ווילען לעבען... סוף כל סוף, איז דאָך דאָס ניט קיין פערברעכען...

מ ע ג ר ע. ווייטער האָט איהר זיך אריינגענומען אייערע ספקות! איצט איז ערנסט קיין צייט ניט אויף דעם, הערר אַרגאַנד, רופט זיך צו הילף אייער גאַנצע קאַלטבלוטיגקייט, אייער גאַנצע ענערגיע, איהר דאַרפט דאָס האָבען, כדי צו פערמיידען נאָך גרעסערע צרות! אויב איהר וועט זיך אָפּגעבען אין די הערשאַפט פון די פוסטע פאַנטאַזיעס, וואָס זשע ווילט איהר זאָלען מיר דאַן טהאָן? איך שווער זיך, איהר האָט מיר ניט געוואָלט פאָלגען.. שוין דריי נעכט ווי איהר שלאָפט ניט און איהר ממית'ט זיך מיט די אַרבייטן!

ווי גרויס די מענשליכע כוחות זאָלען ניט זיין, זיי האָבען דאָך א שיעור... און אז דער קערפּער איז שוואַך, איז דער גייסט אויך קיין פולע ניט ווערט. ווען איהר וואָלט זיך אָפּגערוהט, ווי איהר האָט געדאַרפט טהאָן, וואָלט זיך דאָס מיט אייך ניט געקענט טרעפען.'. אָט איך רוה זיך אויס... איך שלאָף יעדער נאַכט!.. אָהן דעם וואָלט איך שוין פון לאַנג אָנגעוואָרען די מוטה... און איך וואָלט אָפּגעטראָטען, ווי אַ אידענע.

אַ ר ג אַ ג ד. אָבער, מיין זון, מיין זון! (אין דער מינוט דערהערט זיך פון גאַס אַ ווייטער קלאַנג פון טרומייטערס. מעגרע און אַרגאַנד קוקען זיך איבער און הערען זיך צו. דאָס טרומייטערן הערט זיך אַלץ דייטליכער).

מ ע ג ר ע. דאָס איז די מיליטער! אַם ענדע! (ער געהט צו צום פענסטער).

אַ ר ג אַ נ ד. (מיט אַ פערצווייפעלטע בעוועגונג) שוין! (דאָס טרומייטערן הערט זיך נעהענטער).

(דער פאָרהאַנג פאַלט).

פיערטער אקט.

אין איין וואלד וואו עס טרעפען זיך עטליכע וועגען, עס לאזט זיך אראפ די פינסטערע נאכט, אויף רעכטס ניט קיין גרויסער בערגל מיט איין הילצערנעם צלם אין דער הויך, א קבר. צום שפיץ בערגל פירדען אלטע שטיינערנע טרעפ, בעוואקסענע מיט גראז. די זון איז פערגאנגען הינטער די בוימער, די דונקעלע ליניען פון ווייטע שפיצען טיילען זיך שארף ארויס אויף דעם פלאמענדען הימעל בייז אונטערגאנג פון די זון. אויף מערב איז די וועג בעלויכטען מיט דעם פורפור-רויטען אפשיין און אויף מזרח האבען זיך שוין געלייגט אווענדשאטענס. פון וואלד הויבט זיך אויף אגראא-בלאהליכער טומאן. בעת דעם אקט ווערט דער אפשיין פון הימעל שוואכער, ער ווערט אויסגעלאשען, פערשווינדען, זון די וועגען ווערען איינגעהילט אין פינסטערניס. דער וואלד ווערט דונקעלער. דער הימעל, אויף וועלבען עס ציגדען זיך אן שטערן, ווערט א בלאס-פיאלעטאווער. די נאכט ווערט ביסלעכווייז געדיכטער.

ערשטע ערשיינונג.

מאדלענע, זשאן רול.

ווי עס הויבט זיך אויף דער פארהאנג, גייט איבערן סצענע אריבער איין פאטרול סאלדאטען אונטער די אנפיהרונג פון איין אפיציער. אז דער פאטרול געהט פארביי, געהען זשאן רול און מאדלענע ארויס פון וואלד, און האלטענדיג זיך איינער די אנדערע פאר די הענד, הערען זיי זיך צו צו די טריט פון די סאלדאטען, וואס ווערען אלין שטילער. זשאן און מאדלענע פארנעהמען זיך צום בערגל מיט דעם צלם. אין די מינוט בעלויכט דער רויטגעלבער אפשיין פון דעם זונענאונטערגאנג דעם צלם און ווערט גלייך פערלאשען. מאדלענע איז מיט איין אונבעדעקטע קאפ. אויף איהר איז ארויפגעווארפען א טונקעלער פלאשין; אין די הענד האלט זי עטליכע פאפירענע ניט-אנגעצונדענע לאטערנעס, וועלכע זי שטעלט אוועק אויף דעם טרעפ פון בערגל. זשאן רול הערט זיך צו. אטיעפע שטילקייט.

זשאן רול. (גאר ניעדעריג) איך הער זיי שוין מעהר ניט.

מאדלענע. דאס איז דער לעצטער פאטרול. עס וועט זיי קיינמאל ניט איינפאלען, אז מיר זיינען דא... דראגונער היטען

אַלע וועגען און שטעגלאַך אין פּרע-דיו-רואַ. מען וועט דאָ אונז ניט שטערען!...

זשאַן רול. דו האָסט ניט מורא, אַז די אָנגעצונדענע לאַנטערנעס?...

מאַדלענע. ניין, ניין, מיר זיינען ווייט פון שטאָדט, ווייט פון די פּאַטרולען סאָלדאַטען. אונז היט מען דאָך דאָרטען! נו, אַחוץ דעם, וועט דאָך היינטיגע נאַכט ניט זיין קיין לבנה. אָבער עס איז נויטיג, אַז זיי זאָלען דיר זעהען, זיי זאָלען זעהען מיין זשאַנ'ען.. בשעת ער וועט ריידען צו זיי!.. (זשאַן זעצט זיך צו אויפ'ן טרעפּל, ער איז פערקלעהרט. מאַדלענע שניידט אָפּ עטליכע צווייגלעך און שטעלט פאַנאַנדער די לאַנטערנעס אויף דעם פּלעצל פון בערגל). ביי אונז איז אַזוי, ווי יום-טוב!..

זשאַן. אַ יום טוב!.. (שווייגען) זאָלען זיי נאָר קומען!

מאַדלענע. זיי וועלען קומען! (פאַרנאַנדער-שטעלענדיג די לאַנטערנעס, גייט זי צו צו זשאַנ'ען). איך בעט דיר, זיי ניט נערוועז, צורודערט!.. שטאַרק זיך איבער, זעה צו זיין רוהיג! איך בעט דיר, ביז וואַנען זיי וועלען קומען, אפשר ווילסטו זיך נאָך אַביסל דורכגעהן?

זשאַן. ניין... ניין, איך וועל בעסער זיין אַביסל מיט דיר... זעץ זיך נעבען מיר.. גיעב מיר דיינע הענד!... (מאַדלענע גיעט איהם איהרע הענד).

מאַדלענע. וואָס פאַר אַ הייסע הענד ביי דיר זיינען!.. (אַ שווייגען). דיר מאַטערט דער הונגער?

זשאַן. (מאַכט מיט'ן קאָפּ אַ צייכען אויף ניין). עס טהוט מיר וועה, וואָס איך האָב שוין מעהר ניט זייער צוטרוי. זיי געהען אַלץ מעהר אַוועק פון אונטער מיין ווירקונג, מיין ליעבע מאַדלענע.. זיי זיינען פערמאַטערט פון קאַמפּף.. אַנדערע מיינען, אַז איך האָב זיי אַרויסגעגעבען... ווייל איך פאָדער פון זיי מוטה. אַלע מאָל די זעלבע זאַך!... ווען ניט די געלד, וואָס מען האָט זיי צוגעשיקט פון בעלגיען, וואָס האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט זיך אַביסל אָנעסען, וואָלטען זיי שוין מיט צוויי טעג צוריק אַלצדינג אַוועקגע-וואָרפען, אפילו דיין פאָטער אויך...

מאַדלענע. אָ! דער פאָטער איז קראַנק!.. צופיעל טרע-וואָגעס האָט ער אַריבערגעטראָגען!.. פון דעם טאָג אָן, ווי ער האָט זיך געזעהען מיט אַרגאַנד'ן, פאַרשטייט ער קוים וואָס ער רעדט!.. ער האָט גאָר פערלאָרען דעם שכל

זשאַן. זיינע געדאַנקען קעהרען זיך אַהין, צו זיין בעל-הבית, ער איז גרייט זיך אומקעהרען אויפ'ן פאַבריק... אַנדערע —

אויף דאָס זעלבע! דערצו נאָך, ווי באַלד דער אונצוטרוי איז שוין אריינגעקראָכען אין די מוחות פון המון... איז אַלץ פערלאָרען!...

מאַדלענע. מען בענוצט זיך מיט זייער שוואַכקייט און אונוויסענהייט... דאָס איז נאַטירליך. און דו האָסט דאָס געדאַרפט ערוואַרטען! אָבער דו קענסט זיי נאָך ווייטער קריגען!...

זשאַן. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). זיי פערשטעהען גאָר ניט, וואָס הייסט זיך מקריב זיין. דער הונגער שרעקט זיי אָפּ און זיי ציטערן פאַר דעם שאָטען פון טויט!

מאַדלענע. מען דאַרף זיי אויסלערנען אַריבערטראָגען הונגער, פעראַכטען דעם טויט...

זשאַן. אָבער ווי אַזוי?.. איך ברעך זיך די קאָפּ אומזיסט...

מאַדלענע. מיט רוהיגקייט און מיט גוטען!

זשאַן. זיי וועלען זאָגען אַז איך בין אַ טרום!..

מאַדלענע. צו דען האָט יעזוס בעגייסטערט מענשען מיט'ן בייטש? (זשאַן מאַכט אַ תנועה פון מוטהלאָזיגקייט). מענשען זיינען געבליעבען די זעלבע מענשען.. עס האָט זיך קיין זאַך ניט געביטען!.. (זי שפּאַרט זיך אָן צאַרט אויף זשאַנ'ס פּלייצע). זיי ווייך און גוט.. ווער ניט אויפגערעגט... און רייד מיט זיי פּראָסטע דבורים, זאַכען, וואָס זיי זאָלען קענען פערשטעהן!.. אונטער זייער פערגרעבטע הויט האָבען זיי עלענדע שוואַכע קינדערשע נשמות, וואָס האָבען פאַר אַלץ מורא. שטופּ זיי ניט אָפּ מיט שאַרפקייט... פיהר זיך מיט זיי מיט גוטען... ווען אפילו זיי בעליידיגען דיר! זיי זיי מוחל, ווען אפילו זיי וועלען דיר שלאָגען! פיהר זיך מיט זיי ווי מיט אונגליקליכע חולאים אָדער ווי מיט קליינע קינדער!..

זשאַן. יע, מאַדלענע! וואָס פאַר אַ האַרץ ביי דיר איז! און ווי גיטווירדיג איך פיהל זיך אין פערגלייך מיט דיר!

מאַדלענע. רייד דאָס ניט. וואָס וואָלט פון מיר געוועזן, ווען ניט דו? דערמאָהן זיך, וואָס פאַר אַ שוואַכע און שרעקעדיגע איך בין געוועזן.. און ווי פינסטער עס איז געוועזן מיין נשמה!.. אָבער דו האָסט זיך געוויזען! און אַלץ, וואָס האָט געדרעמעלט אין מיר, האָט אויפגעוואַכט... אַלץ, וואָס איז געוועזן אין חשך, איז בעלויכטען געוואָרען!... און דאָס איז דיין ליכטיגקייט... דיין ליכטיגקייט האָט מיר איצטער בעלויכטען, מיין הייסגעליעבטער!

זשאַן. איצטער, איצטער האַלטסט דו מיר אונטער, מאַד-לענע... דו שטעלסט אויף די מאַכט פון מיין גייסט, ווען ער שאָ-קעלט זיך... און פון מיין שוואַכקייט מאַכסט דו אַ קוואַל פון נייע און נייע האָפנונגען און פון טיעפען גלויבען.. אין דיינע אויגען.. אין די הימעלשע טיפקייט פון דיינע אויגען זעה איך דעם שטערן

פֿון צוקונפֿט.. זעה איך די ליכט פֿון דעם שיין פֿון פֿרייהייט, וואָס פֿאַרנעהמט זיך איצטער... און איך האָב געטראָפֿען, איך האָב דאָס אַלץ בעמערקט אין דיינע טרעהרען!

מאַדלענע. דו געדיינקסט, ווען איך האָב געוויינט... (שפּאַרט זיך צו צו זשאַנ'ס ברוסט)... איין קוק דיינער פֿלעגט אויסטריקענען מיינע טרעהרען!... און ווען איך פֿלעג דערהערען דיין שטימע, מיין זשאַן, פֿלעגען זיך פֿאַר מיינע אויגען פֿאַרשטע-לען פּאַלאַצען... פּאַלאַצען, אין וועלכע אָרימע לייט זיינען געוועז אָנגעטהאָן אין גאָלד... אַלע מיינע דאגות און טרויעריגע געדאַנקען פֿלעגען ווערען ליכטיגע שטראַהלענדע טרוימערייען, בעפֿליגעלטע, שיינע און צאַרטע ווי בלומען!.. אָ, דו קענסט זיך גאָר ניט פֿאַר-שטעלען, וואָס פֿאַר אַ וואונדערליכע ווירקונג דו פֿלעגסט אויף מיר מאַכען, מיט דיין זיין ביי אונז אַליין! בשעת דו פלעגסט זיין ביי אונז, פֿלעגסטו מאַכען אַנ'אמת'ען פּאַלאַץ פון אונזער שטוב, אַזאַ שלעפּערשע און חשכדיגע!...

זשאַן. מאַדלענע, מאַדלענע... איך האָב דאָס אַלץ גע-זעהען אין דיינע טרעהרען, מאַדלענע!

מאַדלענע. און די קליינע ברידערלאַך!... דו געדיינקסט, ווען זיי פֿלעגען וויינען, פֿלעגסטו זיי נעהמען צו זיך אויף די קניה, פֿלעגסט זיי וויעגען און פֿלעגסט ריידען מיט זיי מיט אַזאַ ליעבע... מיט אַזאַ ליעבע! און זיי פֿלעגען דיר שמייכלען און פֿלעגען איינ-שלאָפֿען אויף דיינע הענד גליקליכע, דערטרייסטע. (זשאַן נעהמט אַרום מאַדלענע'ן). און אָט, זשאַן, טהו פאַר די, וואָס וועלען באַלד קומען אַהער, די זעלבע זאַך, וואָס דו האָסט געטהאָן פֿאַר מיינע קליינע ברידערלאַך און פֿאַר מיר... דאַן וועלען זיי אויך אָנהויבען צו שמייכלען און וועלען געהען נאָך דיר... זיי וועלען נאָכגעהען נאָך דיר אפילו צום טויט.. מיט אַ שמייכעל און מיט געזאַנג אויף די ליפּען...

זשאַן. אָ, מאַדלענע! מאַדלענע!.. איך בין אויף אַלץ גרייט. וואָס עס זאָל ניט פֿאָרקומען. וואָס פֿאַר אַ אומגליק, וואָס פֿאַר אַ פֿערדעטונג, און וואָס פֿאַר אָ וועהטאָגען עס זאָלען ניט אויס-פֿאַלען אויף מיין מזל... איך וועל זיך שוין מעהר ניט בעקלאָגען, ווייל מיר איז בעשעהרט געווען צו בעגעגנען אויף מיין ניט פֿריי-ליכען וועג אַזאַ אונגרענצליכען, העכסטען גליק, ווי דיין ליעבע! (זיי נעהמען זיך אַרום, קושען זיך). אָ, גיעב דיינע אויגען.. אַז זייער טיעפֿקייט זאָל אָנצינדען אין מיר אַ הייליגען פֿייער.. ווייז דיינע ליפּען, איך זאָל קענען אָנשעפּען אין זיי אַ וואונדערליכען כח. (זיי דריקען זיך פֿעסט צו איינער צו דעם אַנדערן). נאָך!.. נאָך! ווען עס וואָלט דאָס קיינמאָל ניט אָנגעקומען דער טאָג נאָך די בע-רוישונג פֿון אַזאַ נאַכט!..

מאַדלענע. (שטעלט זיך פּלוצלונג). שווייג!.. שטילער!.. שטילער... האָרך!.. (זי שטעלט עטליכע טריט, האָרכט זיך איין). איך הער טריט.. איך הער שטימען... דאָס זיינען זיי... (זשאַן שטעלט זיך. ער טהוט אַ מאַך מיט די האַנד איבער'ן שטערן)

זשאַן. נו!...

מאַדלענע. (גייט ווייטער צו צו זשאַנ'ען). וואָס זיי זאָלען ניט טהאָן, מיין זשאַן; וואָס זיי זאָלען ניט ריידען... זיי גוט.. דו האָסט דאָס מיר צוגעזאָגט'

זשאַן. (שטיל). יע...

מאַדלענע. (געהט צו די שטעגעלע אויף רעכטס און זאָגט צו די שטרייקער, וועלכע זעהען זיך נאָך ניט). אַהער!.. (איינצעלנע שטרייקער און גאַנצע גרופּפּען קומען מיט דער שטעגעלע).

צווייטע ערשיינונג

זשאַן רול, מאַדלענע, פּיליפּ אורטאָ, פּיער אַנסאָם, יוסף באָרד, זשול פּאַקאָ, זעפערין בורדי, פראַנסואַ גוזש, פּיער פייגאַרד, שטרייקער, פּרויען, קינדער.

פּיער אַנסאָם. גוטען אָווענד, מאַדלענע!

מאַדלענע. גוט יאָהר, פּיער!

פּיער אַנסאָם. (געהט צו צו זשאַנ'ען). זיי פאַרזיכטיג!.. דאָ זיינען דאָ אַזוינע, וואָס זיינען געקומען מיט אַ שלעכטען מיין!..

זשאַן. איך וויים דאָס, פּיער... אָבער איך וועל מיט זיי ריידען.

פּיער אַנסאָם. שוין עטליכע טעג, ווי מען רעגט זיי אויף געגען דיר! און אַז מען זאָל אַ זוך טהאָן ביי זיי אין די קעשענעס, וועט זיך דאָרטען מסתמא געפינען מטבעות, פון וועלכע עס שמעקט מיט מעגרע'ס פינגער...

זשאַן. דו האָסט אַ טעות, פּיער... דאָ זיינען פאַראַן מענשען, וואָס האָבען פערלאָרען דעם מוטיגען גייסט! אָבער פערי־עטער — דאָס גלויב איך ניט!

פּיער אַנסאָם. עס זיינען אומעטום דאָ שרצים! זיי פאַרזיכטיג! איך גלויב דיר... איך שטעה פאַר דיר... איך שטעה אויף מיין אָרט.. און קוק!...

זשאַן. (דריקט די האַנד פּיער'ן). עס זיינען אויך דאָ מוטיגע הערצער... איך דאַנק דיר, חבר... איך האָב אַלע מאָל גערעכענט אויף דיר...

די שטרייקער קומען צו; איינע אין פּעלענע פּאַרטוכער מיט היטלען, אַראָבגעלאָזענע איבער די אויגען; אַנדערע אין יום-טוב'דיגע בגדים; די דריטע

אין טראַנטעס.. פּיעלע פרויען מיט שטיינגעס אויפ'ן קאָפּ און לאַנגע, שוואַרצע מאַנטלען, איינע פיהרען קינדער פאַר'ן האַנד, אַנדערע טראָגען זיי. פּנימ'ער אויסגעדאַרטע, אויסגעמאַגערטע מיט שפּרענקען פון מאַנגעל און הונגער; אייניגע האָבען שטרענגע געזיכטער, וועלכע די האַלב-טונקעלע בעלייכטונג גיעט צו נאָך מעהר אויסדריקליכקייט. מען קומט פון רעכטס, פון לינקס, פון אַלע זייטען, מיט אַלע וועגען און שטעגלאַך פון וואַלד. מען שטעלט זיך פאַנאַנדער אויף די רעכטע און לינקע זייט פון בערגל. מאַדלענע צינדט אָן די לאַנטערנעס. זשאַן איז אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן שפּיץ און וואַרט, שטעהענדיגערהייד, צוגעשפּאַרט צום צלם. זיין ערנסטע געזיכט איז בעלויכטען מיט'ן שיין פון די לאַנטערנעס. ער קוקט ווי די מאַססע צוטיילט זיך אויף גרופּפען. מאַדלענע צינדט נאָך אָן די לאַנטערנעס. צווישען די שטרייקער הויבען זיך אָן שמועסען. פון דעם המון הויבט זיך אויף א טומעל פון שטימען.

יוסף באָרד. (אין די גרופּפע אויף לינקס). שטילער!.. קוקט זיך איין אויף איהם... ער איז אין גאַנצען בלאַס געוואָרען...

זשול פּאַקאָ. אַ-אַ, ער האָט מורא... ער מאַכט זיך שוין ניט פאַר קיין חכם... מיר האָבען שוין איהם אַביסל אָפּגעהאַלטען...

יוסף באָרד. אַלץ איינס, ער וועט אונז דאַרפען געבען איין ערקלעהרונג...

זשול פּאַקאָ. ער וועט געוויס קיין זאַך ניט וועלען ענטפערן...

פּיער פּיינאַרד. (אַ אַלטער מאַן). וואָס איז דאָרטען?.. וועגען וועמען רעדסט דאָס? דו!...

זשול פּאַקאָ. וועגען דיין שוועסטער! (זיי לאַכען. פּיער פּיינאַרד פערליערט זיך אין דעם המון, קוועטשענדיג מיט די פּלייצעס).

יוסף באָרד. (ווייזט אויפ'ן צלם). אָט איז גרויסאַרטיג.. אַ-לאַ-לאַ! וואָס פאַר אַ בעלייכטונג!.. צו איז היינט גאָר ניט דער 14 טער יולי? (עס הערט זיך אַ געלעכטער, געמישט מיט אונצופריעדענע אויסרופען. באָרד און פּאַקאָ פערליערען זיך אויך אין המון, אויף לינקס. אין דער גרופּפע אויף רעכטס איז אַ צורודערונג, געשרייען, מחלקות).

פראַנסואַ גוזש. איך זאָג דיר, אַז יע.

זעפערין בוררי. און איך זאָג נאָך אַמאָל, אַז ניין...

פראַנסואַ גוזש. איך זאָג דיר אַז אַ העלפט געלד האָט ער אַראָפּגעלאָזען צו זיך אין קעשענע.

זעפירין בוררי. זאָג דאָס אַקאָרשט נאָך אַמאָל.

פראַנסואַ גוזש. יע, ער האָט אַראָפּגעלאָזען צו זיך געלד.

זעפערין בוררי. טאָ לייג אַריין זיך אין קעשענע אָט דאָס. (ער גיעט איהם אַ שטויס). און געה טראָג דאָס אַוועק אַרגאַנדין, וועלכער שיקט דיר אַהער ריידען רכילות. (קולות, אַ טומעל; מען נעהמט זיי פאַנאַנדער)

פראַנסואַ גוזש. (ער שלאָגט זיך אָב). קיה, נאַרישע קיה.. (מען שטופּט איהם, ער פערשווינדט אין דעם המון).

אַ שטימע פון די מאַססע. ווערט ענטשוויגען!..

אַ צווייטע שטימע. נעהמט איהם צו...

פּיער אַנסאָם. אַז איהר וועט אַזוי שרייען, וועלען קומען די סאָלדאַטען אייך פענאַנדערנעהמען...

שטימען. (וואָס הערען זיך פון אַלע זייטען). שווייגט!.. שווייגט!.. (ביסלעכווייז ווערט ווייטער איין אָרדנונג, די קולות ווערען שטילער. מאַדלענע זעצט זיך אויפ'ן העכסטען טרעפּל פון בערגל. פרויען, וואָס שפּאַרען זיך איינע נעבען די אַנדערע צו זעצען זיך אויף די נידעריגערע טרעפּלעך.

זשאַן רול. (שטעלט עטליכע טריט פאָראויס. ער איז רוהיג און בלאַס. עס זעהט זיך מעהר ניט זיין גערוכט. זשאַן רול הויבט אויף די האַנד).

איינינע שטימען. (פון פערשיעדענע זייטען). האָרכט!.. האָרכט!.. (אַ בעוועגונג; דער המון הערט זיך איין).

זשאַן רול. (שטייף). מיינע פריינד!...

אַ שטימע פון המון. מיר זיינען דיר גאָר קיין פריינד ניט!.. (קולות: „שווייגט!" „הערט אויס")... אויב ווער עס איז פון אייך וויל מיר עפּעס אויפוואַרפען, זאָל ער אַרויסזאָגען. אויב ווער האָט מיר עפּעס אין וואָס צו בעשולדיגען, זאָל ער אָ[illegible]ן דערצעהלען, וואָס ער ווייס. גאָר דאָס אַלין, ווי עס פּאַסט פאַר פרייע מענשען און ניט ווי אינגלאַך!... מיר זיינען אַהער געקומען כדי צו ערקלעהרען זיך ווי עהרליכע לייט און ניט צו בעליידיגען אי־נער דעם אַנדערען און שלאָגען זיך. (אַ מורמעל)

אַ שטימע פון המון. יע, יע, אַזוי!..

איין אַרבייטער. רייד, רייד! מיר הערען דיר...

פּיער אַנסאָם. און זאָלען שווייגען די אונטערגעקויפטע פערדעטער! (אויסגעשרייען).

זשאַן רול. איהר האָט דאָס רעכט צו בעקלעהרען און צו טאַדלען מיין טהעטיגקייט... אויב איהר האָט שוין מעהר צו מיר קיין צוטרוי ניט, קענט איהר ביי מיר אָפּנעהמען אייער בעפאָלמעכטיגונג... מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך טהו אַזוי, ווי דאָס פאָדערן אייער ווירדע און אייערע אינטערעסען... אויב איך האָב אַ טעות געהאַט, וועל איך אייך אומקעהרען אייער בעפאָלמעכטיגונג... גיט דאָס איבער איין אַנדערן, וואָס איז דאָס מעהר ווערט און איז אייך מעהר איבערגעבען, ווי איך!...

פֿערשיעדענע שטימען. ניין... ניין... יע.. יע. שווייגט!... שווייגט!

זשאַן רול. (שווייט איבער דעם טומעל מיט זיין שטימע). אָבער אין נאָמען פֿון אייער כבוד, אין נאָמען פֿון די געדאַנקען — פֿאַר וועלכע מיר קעמפֿפֿען.. וואַרפֿט ניט קיין בלאָטע אין דעם מענשען, וועלכער איז פֿערנומען מעהר ניט מיט איין געדאַנקען: אייך ליעבען... וועלכער האָט נאָר איין ציעל — אייך דיענען און וועלכער האָט קען זיין געהאַט איין טעות — וואָס ער האָט אייך גערעכענט פֿאַר העלדען, וואָס זיינען פֿייהיג אַרויסצוגעהן פֿון אינטריאָכונג און ערקעמפֿפֿען זיך פֿרייהייט אין דער צייט, ווען איהר קענט נאָר זיין קנעכט, וואָס שטעלען אונטער זייער האַלז אונטער אַיין נייען יאָך, די הענד — אונטער נאָך שוועהרערע קייטען! (אַ לייכטער מורמעלן. עס הערען זיך אויסשרייען: „אָ!", „אַ", אָבער שוין מעהר איינגעהאַלטענע. נאָך די לפֿי־ערכ'דיגע שטילקייט, וואָס איז געוואָרען נאָך זשאַן רול'ס רייד, פֿיהלט זיך, אַז ער האָט ווידער צוגעצויגען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דעם המון. אַ שווייגען). די אויפֿוואַרפֿען, די בעשולדיגונגען, וועלכע שוין פֿון אַ געוויסע צייט טראָגען זיך איבער פֿון איין גרופּפּע צו דער אַנדערער, פֿון איין שטוב אין די צווייטע, כדי צו שטערען צווישען אייך די איינהייט, נאָך מעהר, כדי אָפּנעהמען ביי אייך די געוועהר געגען אייערע פֿיינד, — איך ווייס פֿון זיי.. און איך וועל ענטפֿערן אויף זיי! אָבער מעהר ניט ווי אויף דעם... ווייל איהר וואָלט מיר אויפֿגעהערט צו אַכטען, ווען איך וואָלט זיך כאָטש אויף איין מינוט אָפּגעשטעלט אויף די שפּל'דיגע רכילות, וואָס זייער שמוציגען קוואַל וואָלט געווען ניט שווער צו געפֿינען... (אַ נייער מורמעלן, אויסגעשרייען: „אָ!"... „אַ!").

פּיער אַנסאָם. בראַוואָ!.. בראַוואָ!..

זשאַן. איהר וואַרפֿט מיר אויף — און דאָס איז דער וויכטיגסטער בלבול, וואָס מען מאַכט מיר — איהר וואַרפֿט מיר אויף, אַז איך האָב זיך ענטזאַגט פֿון דעם מיטהילף פֿון די ראַדיקאַלע דעפּוטאַטען, וואָס האָבען זיך געוואָלט אַריינמישען אין אונזער זאַך און נעהמען אויף זיך דעם אָנפֿיהרען מיט דעם שטרייק!

פֿערשיעדענע שטימען. אַ־אַ!.. יע!.. יע! שווייגט... הערט זיך איין!...

זשאַן. איך האָב דאָס טאַקע געטהאָן.. דאָס איז ריכטיג און איך שטאָלציר מיט דעם! (אַ בעוועגונג אין המון) דעפּוטאַטען!.. אָ, איך האָב געזעהען, ווי זיי אַרבייטען, אין איהר אַליין, צו דען האָט איהר פֿאַרגעסען די נידעריגע ראָליע די געמיינע קאָמעדיע, וואָס זיי האָבען געשפּיעלט בעת דעם לעצטען שטרייק... ווען זיי

האבען צפריהער געשטופט די ארבייטער צו איין פערצוויפעלטסטען ווידערשטאנד.. נאכהער האבען זיי זיי ארויסגעגעבען... אהנמעכטיגע.. ארומגענומענע מיט האק און פאק אין רשות פון זייער פרינציפאל, אין דעם טאג גופא, ווען נאך איין אנשטארקונג, קען זיין, איין אנשטריינגונג און ער וואלט מוזען נאכגעבען!! טא ניין זשע, ניין!.. איך וואלט ניט וועלען, אז מיט דעם תירוץ אייך צו בעשיצען זאלען די אינטריגאנטעס אייך אנבאטען זייער הילף... ווען איהר—צוהערט איהר—זייט מעהר ניט איין געצייג איינצוהאלטען און צו פערשטארקען זייער מאכט ביי די וואהלען.. מעהר ניט א שפיין אנצוזעטיגען זייערע אפעטיטען... איהר האט גאר קיין שייכות ניט מיט די מענשען!.. זייערע אינטערעסען זיינען אזוי עהנליך צו אייערע, ווי די אינטערעסען פון דעם מלוה און פון זיין בעל־חוב.. אדער פון דעם מערדער מיט די אינטערעסען פון זיין קרבן. (פערשיעדענע תנועות, א שטארקע צורודערונג הויבט זיך אן אין המון. זשאן רול רעדט העכער). לאמיר א קוק טהאן, וואס האבען זיי געטהאן פאר אייך? וואס האבען זיי זיך געפרובט טהאן פאר אייך?.. וואו איז דער בעפרייאונגס־געזעץ, וואס זיי האבען ארויסגעגעבען, וועלכען זיי זאלען כאטש פארלייגען?...

שטימען. דאס איז אמת... אמת!

זשאן. נאך מעהר, צו האט זיך פון זיי געהערט א שטימע, א שטימע פאר אייך?.. צו האט זיך ביי זיי ארויסגעריסען א געשריי פון רחמנות?.. א געשריי, וואס געהט ארויס פון איגעווייניגסטע ליעבע און וואס האלט אונטער אין די הערצער פון די, וואס דער מזל האט זיי פערזעהען, א בטחון, וואס איז פאר זיי נויטיג?.. צו האט איהר געהערט דעם געשריי?.. זאגט מיר איהם איבער.. און רופט מיר אהן כאטש איינעם פון די מענשען, וואס זאל שטארבען פאר אייך.. וואס זאל צוליעב אייך געהן צום טויט!...

זעפערין בוררי. (צווישען דעם מורמעלן). בראווא, אמת!...

זשאן. איהר דארפט דאך פערשטיין, אז זיי עקזיסטירען א דאנק אייער איינטרוי! זיי ניצען אוים אייער לאנגיאהריגע אונווויסענהייט, אייער פינסטערקייט, דאס איז זייער גוטס; פון אייער קנעכטשאפט קריעגען זיי ארוים פאר זיך רעכטע.. ביי אייער לעבען ווערען זיי פעט פון אייער ארימקייט און אייער נארישקייט, און בשעת איהר שטארבט, מאכען זיי זיך דענקמעלער פון אייערע טויטע קערפערס. צו דען האט איהר דאס געוואלט?

א שטימע. ניין... ניין.. ער איז גערעכט!...

זשאן. אין דעם טאג, ווען איהר וועט פאלען פון די ביקסען אויף די רויטבעפארבענע ערד. איהר, אייערע קינדער און

װײבער.. װאו װעלען זײ זײן? װאָס טהוען זײ? זײ רײדען? (בראװאָ=פּאַטשען און פּראָטעסטען). עלענדע, בלינדע סטאַדע, װוע לען דיר שטענדיג פיהרען אָט די שלעכטע פּאַסטוכער?

זשול פאקאָ. (אין דעם טומעל פון די שטימען) ניט אין דעם איז דער הױפּט-ענין!

פראַנסואַ גוזש. מיר זײנען גאָר גיט קײן סטאַדע!

זשול פאקא. ער בעלײדיגט אונז.. מיר זײנען אװינע, זױ ער.. ניט ערגער!..

פיליפ אורטאָ. (קלעטערט אַרױף אױף א אָבגעהאַק= טען בױם) געגוג צו באָלבענען!.. זאָג אונז בעסער, װאו האָסטו אהינגעטאָהן די געלד?

שטימען יע.. יע... די געלד... די געלד...

זשאַן רול. װער רעדט דאָס אַזױ?

פיליפ אורטא. (שפּרינגט אַראָפּ פון אַבגעהאַקטען בױם און געהט צו צו די ערשטע טרעפּ פון בערגל) פיליפ אורטא!..

זשאַן רול. מען האָט דיר אָבגענאַרט, פיליפ אורטא... פאַר װאָס דו צװינגסט מיר ערקלעהרען פאַר אַלעמען, אַז איך האָב פון די געלד פאַר זיך גאָר ניט געלאָזען. איך האָב נאָך איך אװעקגעגעבען מײן טהײל אױך...

אַ שטימע. טאַקע? בראװא!.. בראװא!..

פיליפ (קעהרט זיך אום אין המון, מיט בעלעבטקײט) ראיות... ראיות!..

פיער אַנסאָם. שװײגט.. שװײג, אױסװאַרף!.. שװײגט, אונטערגעקױפטע! (אַ טומעל).

זשאַן רול. (שרײט איבער דעם געפילדער מיט אַ דונע= רענדע שטימע) לאָזט מיר רײדען!.. איהר װעט מיר ניט שטערען רײדען... איהר, װאָס איהר װערט מיטהעלפער פון אונזערע שונאים און פערנאַנדערטרעגער פון זײערע ניעדריגע רכילות!..

שטימען. הערט זיך אײן!.. הערט!..

זשאַן רול. אָ, איך לײען אין אײערע הערצער!.. איהר האָט מורא צו װערען מענשען, זיך פיהלען פרײ... דאָס שרעקט אײך!.. אײערע אױגען, װאָס זײנען געװאױנט געװאָרען צו פינס= טערנים, דערװאַגען זיך ניט צוקוקען אױף די ליכט פון דער זון. איהר זײט אַזױ װי געפאַנגענע, װאָס בײם אַרױסגעהן פון טורמע שאָקלען זײ זיך פון דעם פרישען לופט און פאַלען אױף די פרײע ערד!.. איהר דאַרפט האָבען אײן בעל=הבית... נו, זאָל זײן אַזױ!.. נו קלײבט איהם אױס... אונטערדריקונג געגען אונטערדריקונג. (אַ בעװעגונג

אין המון... זשאַן מאַכט ברייט מיט'ן האַנד). לאָזט פאַר זיך דעם בעל־הבית!.. (עס רייסט אויף אַ בעס) לאָזט פאַר זיך דעם בעל־הבית!.. (די שטרייקער מיט אויפגעהויבענע קולאַקעס, מיט געשרייען און סטראַשונקעס געהען צו נעהענטער צום בערגל. זשאַן לאָזט זיך אַראָפ אויף אַ פאָר טרעפלעך און אָנכאַפענדיג פאַר'ן פלייצע איין שטרייקער טרייסעלט ער איהם און שרייט מיט אַ דונערענדע שטימע) דער בעל הבית איז אַ בשר ודם, ווי איהר... ער איז שטענדיג פאַר אייך... מען קען מיט איהם ריידען... מען קען איהם פונאַנדעררייהרען, מען קען איהם סטראַשענען, מען קען איהם צו'הרג'ענען!.. אַם ווענינסטענס, ער האָט אַ געזיכט, אַברוסט, אין וועלכער מען קען אריינלאָזען אַ מעסער!.. אָבער פרובט פונאַנדעררייהרען, דורכשטעכען די בעשעפענים אָהן פלייש און ביינער, וואָס מען רופט פאַלשקייט און צביעות! דאָס איז אַ גליציגע און אַרויסדרייהיגע בעשעפענים, וואָס ווען מען מיינט שוין, אַז מען האַלט דאָס שוין אין האַנד, גליטשט זי זיך מיט אַמאָל אַרויס, וואָס מען רעכענט איהר שוין פאַר טוידט, און זי לעבט ווידער אויף!.. די העסליכע זאַך, וואָס האָט אַלץ פערקרימט, אַלץ אונטערגעקייפט און צוקאַליעטשעט... אַלץ!.. יושר, ליעבע, שיינהייט!.. זי האָט דעם געוויסען, וואָס פערקויפט זיך פאַר געלד, געמאַכט פאַר אַ נאַציאָנאַלע איינריכטונג אין פריינקרייך... זי האָט געטהאָן נאָך ערגער, ווייל זי האָט מיט איהר עקעלדיגען גרונד פערפלעקט דעם שטרייכגען געזיכט פון אַריכאַן!.. נאָך ערגער, ווייל זי האָט אָפגענומען ביי אייך דעם לעצטען אידעאַל... דעם גלויבען אין די רעוואָלוציע!.. (זשאַנ'ס ענערגישע פּאָזע, זיינע תנועות, דער כח, מיט וועלכען ער זאָגט די לעצטע ווערטער, שטעלען איין אין איין מינוט צוריק די שטילקייט. דער המון טרעט אָפ צוריק, אָבער ער איז נאָך אַלץ צורודערט און הוזשעט נאָך). פערשטעהט איהר, וואָס איך וויל פון אייך?.. וואָס איך פאָדער נאָך פון אייער ווירדיגקייט, פון אייער ענערגיע, פון אייער שכל?.. איך האָב געוואָלט... און איך וויל פון אייך... אַז איהר זאָלט באָטש איינמאָל ווייזען פאַר די וועלט איין גייע... איין שרעקליכע... אַ פרוכטבאַרע פאָרם פון אַ שטרייק, וואָס איהר אַליין האָט געמאַכט, איהר און נור פאַר זיך!.. (אַ שווייגען) און אויב אייך זאָל אויסקומען צו שטאַרבען אין דעם קאַמפף... טאָ ווייזט ווי צו שטאַרבען, נאָר איין מאָל... פאַר זיך... פאַר אייערע קינדער, פאַר די, וואָס וועלען פון זיי געבאָרען ווערען... און ניט פאַר די, וועמען אייערע מאַטערנים ברייגגט נוצען. (אַ פערשטיקטע אונצופריעדענהייט, אַ צורודערונג, די שטרייקער, וואָס זשאַן האָט זיי איינגענומען, קוקען איינער אויף דעם אַנדערען, ווי זיי וואָלטען עפּעס פרעגען).

פיליפ אורטא, (טרעט אַרויס פון המון, איניגע שטריי-

קער גיעבען איהם צו מוטה און ער געהט צו צום בערגיל) דאָ אלץ איז גאנץ פֿיין!.. אָבער דו, זשאן רול, רעדסט אַזוי, ווי אנדערע צבוע'קעס, וועלכע דו שטראָפֿסט. (א געלעכטער אין המון) ווער סטו אונז אָבער געבען געלד? הא? ווער סטו אינז געבען ברויט?..

זעהר פֿיעלע שטימען. (געמישט מיט ניט פֿיעלע פּראָטעסטען פֿון די, וואָס זיינען געבליבען טריי זשאַנ'ען)!.. אמת!.. אמת!.. ברויט!.. רייד.. עס לעבע אורטאָ!..

פֿיליפּ אורטאָ. מיר קענען זיך דאָך ניט נעהרען מיט דיינע רייד אַליין.

זשול פּאַקאַ. אַ!.. אַ!.. אַט אַזוי!.. רייב איהם אָן אַ נאָז!..

פֿיליפּ אורטאָ. ווי שעהן זיי זאָלען ניט זיין... (געשריי־ען: „בראַוואָ". אורטאָ, איינגעמונטערט און צופֿריעדען מיט דעם לויב, גלייכט זיך אויס און נעהמט אָן אַ פּאָזע פֿון אַ רעדנער) פֿון די דעפּוטאַטען, וועלכע דו האָסט פֿערטריעבען פֿון דאַנען.. וואָלטען מיר בעקומען ברויט און געלד.. (צום המון) ניין אפֿשר, חברים?

אַלץ מעהרערע און מעהרערע שטימען. יע.. יע!..

פֿיליפּ אורטא. און מיר וואָלטען זיך לענגער געקענט האַלטען... ניין אפֿשר, חברים?..

שטימען. יע... יע!..

זשאַן רול. דיין פֿוילקייט רעדט אין דיר אַזוי, אורטאָ.. דו ביזט אַ קנאַפּער אַרבייטער. אַ שטרייק!.. דו האָסט זיך, ווייזט אויס, פֿאַרגעשטעלט, אַז דאָס איז אַ יום־טוב.. אַרומגעהן פּוסט און פּאַס.. באַליקלאַך, שכרות... און מען וועט נאָך דערפֿאַר צאָהלען!.. איך קען דאָך דיר... כּל זמן עס איז געווען וואָס צו עסען און צו טרינקען... ביזט דו געווען פֿון די סאַמע פֿערברענטע... און איצטער, אַז עס קומט אויס איינצוקוועטשען דעם בויך און לייַדען... ממה נפֿשך, געה זיך דיר, קיינער האַלט דיר ניט!.. (אַ פֿיינדליכע מורמלען אין המין).

פֿיליפּ אורטאָ. (זיך אויספֿיינענדיג) דיינע ווערטער ברייגגען מיר שוין ניט מעהר אין ענטציקונג! ווייסטו דאָס? דיינע מאַניערען פֿון א איבערהאַרר שרעקען מיר אַ האָר ניט אָפּ. גיעב בעסער אַ ענטפֿער!.. ברויט ווער סטו געבען?..

זשאַן רול. ברויט איז דאָ אין די שטאָדטיגע פּעקאַרניעס... געה, נעהם.. (אין המון: אָ, אָ!)

פֿיליפּ אורטאַ. געלד?

זשאַן רול. פֿערדיען!.. (די קולות ווערען גרעסער, עס הערען זיך אויסרופֿען: „אַ!. א.." די פֿיינדליכע שטימונג געגען

זשאַן רול׳ען וואַקסט).

פ י ל י פ א ו ר ט א. (צום המון) איהר הערט וואָס ער רעדט?

ד ע ר ה מ ו ן. יע.. יע!..

פ י ל י פ א ו ר ט אָ. (זשאַן׳ען) ווי ווילסטו, אַז איך זאָל פֿערדיענען געלד... אַז צוליעב דיר האָט מען מיר אַרויסגעטריבען פֿון ווערקשטאַט?.. אַז דו ביזט אַליין שולדיג אין דעם, וואָס מיר לייַדען הונגער... ווי זשע פֿערלאַנגסטו, אַז איך זאָל איצטער פֿערדיענען?.. אַך דו, וויצלינג איינער!

ז ש אַ ן ר ו ל. מיט קאַמפּף.. אונווירדיגער מענש!.. (קולות... אַ געוויש. אומזיסט מישען זיך אַריין פיער אַנסאַם און נאָך עטליכע אַרבייטער, כדי איבערצוביטען די שטימונג).

פ י ל י פ א ו ר ט אָ. און געוועהר.. געוועהר ווּעסטו אונז געבען?

ז ש אַ ן ר ו ל.. העלצער... ווילעס, פּאַקלען... דיין ברוסט!..

פ י ל י פ א ו ר ט א. אַזוי גאָר!.. אָט דאָס האָט זיך די פּערוואָלט!.. (צום המון) מיין ברוסט דאַרף נויט׳ג האָבען דער הערר זשאַן!.. אָט דאָס וויל ער!.. (זשאַן רול׳ען) נו, טאָ גיעב אונז ברויט!.. און מיר וועלען זיך שלאָגען... (דער המון: ברויט!.. ברויט!.. ניעדער מיט זשאַן רול׳ען!..)

פ י ל י פ אָ ו ר ט אָ. דו ביזט אונז דערעסען!

ד ע ר ה מ ו ן. ברויט.. ברויט!..

פ י ל י פ א ו ר ט אָ. מיר קענען דיר אַ פּנים? מיר ווייסען, פֿון וואַנען דו האָסט זיך גענומען? גענוג האָבען מיר זיך מיט דיר געֿעסקט... ניעדער מיט דעם דייטשל!..

ד ע ר ה מ ו ן, ניעדער זשאַן רול׳ן!.. ניעדער זשאַן רול׳ן!..

ז ש אַ ן ר ו ל, נו, וואָס איז.. געהט צוריק צו אַרגאַנד׳ן, שקלאַפֿען!.. אויפ׳ן קייט!.. צו די געשמידטע קייטען, קאַטאָרזשניקעס!..

ד ע ר ה מ ו ן. (ווייזענדיג קולאַקעס זשאַן רול׳ן).. אַ טויט.. אַ טויט דיר!..

ז ש אַ ן ר ו ל. נו, פֿערדיענט די געלד, וואָס מעגרע האָט אייך צוגעזאָגט.. און הרג׳עט מיר צו.. אָט בין איך... (שטעלט אַ טריט פֿאָראַיים און לעגט צוזאַמען די הענד אויפ׳ן ברוסט). און האָט קיין מורא ניט.. איך וועל זיך ניט פֿערטהיידיגען...

ד ע ר ה מ ו ן. יע.. יע.. אַטויט!.. אַטויט איהם!.. (ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די, וואָס האַלטען זשאַן רול׳ס צד לאָזען ניט, גיעט זיך דער המון צו איהם אַ וואָרף מיט קולות, שטופּט די פֿרויען, וואָס זיצען אויף די טרעפּלאַך פֿון בערגל).

פיער אנסאם. (זיך שלאָגענדיג) ווילדע חיות... דיקא־נעס!.. מערדער!..

פיליפ אורטא. כאַפּט איהם!.. אויפהייננגען איהם אויף א בוים אין וואַלד!..

דער המון. א טויט, א טויט איהם! (דער המון האָט שוין איינגענומען דעם צווייטען טרעפּל, פיליפ אורטאָ וואַרפט זיך אויף זשאַן רול'ן און כאַפּט איהם פאַר'ן פלייצע. זשאַן רול שטעהט אַליין מיט צונויפגעלעגטע הענד, מיט א אויפגעהויבענער קאָפּ און פערטהיידיגט זיך גאַר ניט. מאַדלענע שטעלט זיך אינמיטען, ציהט אויס די הענד אין די קנייטשען אויף איהר קלייד פלאַטערן, ווי פליגלען. די שטריקער נעבען איהר טרעטען אָפּ).

מאַדלענע. (הויך) צוריק... צוריק!.. (דער המון שטעלט זיך אָפּ. נאָך העכער) צוריק, זאָג איך אייך!.. (די בעוועגונג פון המון אויף צוריק ווערט שטאַרקער) נאָך ווייטער אויף צוריק!

פיליפ אורטאָ לאָזט אוועק זשאַנען, אלע אויגען זיינען אויסגעשטעלט אויף מאַדלענען.

שטימען אין המון. דאָס איז מאַדלענע, מאַדלענע!

מאַדלענע. (אַלע שווייגען) איך בין נאָר א פּראָוויענצי־מער... און איהר זייט מאַנסבילען!.. אָבער איך וועל אייך ניט לאָ־זען טהאָן א פערברעכען!.. איך וועל אייך ניט לאָזען אָנריהרען זיך אָן דעם, וועמען איך האָב האַלט, וואָס איך האָב איהם אויסגע־קליבען... און וואָס איז דער פאָטער פון דעם קינד, וואָס לעבט אונטער מיין האַרץ. איך פערוועהר אייך איהם צו בעליידיגען... (זי וויוזט אויפ'ן צלם) אָט איז דער צלם, אויף וועלכען מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק איז אונטער די שווערקייט פון די מענשענס האָס אויסגעגאָנגען מיט די כוחות יענער, וואָס האָט דער ערשטער גע־האָט די העזה צו ריידען זיי וועגען פרייהייט און ליעבע!.. טאָ צוריק, צוריק, צוריק!.. (די, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די טרעפּ־לאַך, טרעטען אָפּ. דער ווילדער כעס אויף די פנים'ער ווערט ווייכער, די פלייצעס בויגען זיך איין).

שטימען אין המון. דאָס איז מאַדלענע!.. מאַדלענע!.. הערט מאַדלענען... הערט אויס!

מאַדלענע. זשאַן האָט גערעדט מיט אייך שאַרף... אונ־גערעכט... ער איז געווען ניט גערעכט... אָבער איהר זייט נאָך מעהר געווען אונגערעכט, איהר האָט אויפגערעגט זיין כעס, איהר האָט איהם אַרויסגערופען אויף גראָבקייט מיט אייער שאַרפען חשד און אייערע נידערטרעכטיגע רכילות!.. איהר דאַרפט בעסער וויסען, ווער עס לאָזט זיי אַרויס... ווער עס שפּרייט זיי פונאַנדער... און מיט וואָס פאַר א צוועק. זאָל די בלאָטע מיט וועלכע מען האָט

געוואלט פערוואַרפען דעם מענשען, וואָס איז פאַר זיי געפעהרליך; זאָל זי בלייבען אויף די הענד פון יענע, וואָס האָבען איהר אויפגעהויבען!

איינינע שטימען. אמת!.. אמת!..

אַנדערע שטימען. רייד.. מאַרלענע, מיר גלויבען דיר!

מאַדלענע. פון אָנהויב אָן פון דעם לאנגען און צרה'דיגען שטרייק ליינט אַוועק זשאַן אַלע זיינע כוחות אוים פון ליעבע צו איך, כדי איך צו העלפען און בעהיטען איך אייערע שונאים און פון איך אַליין, ווייל איהר זייט זיך אַליין די ערגסטע שונאים!.. ער האָט געהאַט נור איין געדאַנק.. איהר... ווידער איהר... און שטענדיג איהר.. דאָס ווייס איך... און איך זאָג אייך דאָס... איך, די פריינדין אין זיין לעבען.. איך, וועמען ער האָט פערטרויט זיינע טרוימען, זיינע שטרעבונגען און אויפגאַבען... איך, וואָס איך בין געוועזן אַ איינפאַכע אָרימע מיידעל, איך האָב אָנגעשעפט אין זיין ליעבע אַזאַ קראַפט און אַזאַ פלאַמענדיגע אמונה, אַז איך קען איצטער האָבען די העזה ריידען מיט אייך אַזוי דרייסט און אָפען... איך, אַ שווייגענדיגע און אַ דערשלאָגענע בריאה, וואָס איהר אַלע האָט געקענט און וואָס פיעל פון אייך האָבען מיר געהאַלטען אויפן האַנד, בשעת איך בין געוועזן אַ קליין קינד.

אַ אַלטער מאַן. רייד נאָך... דיינע ווערטער זיינען געשמאַקער פון ברויט...

מאַדלענע. און אַט ווי אַזוי איהר האָט איהם אָפגעדאַנקט... איהר פאָדערט ביי איהם געלד און ברויט? נאָר ער האָט דאָס נאָך ווייניגער, ווי איהר... ווייל ער פלעגט יעדען מאָל אייך אוועקגעבען אי זיינעם, אי מיין חלק!.. איהר פרעגט ביי איהם, פון וואַנען ער איז געקומען צו אייך? איז אייך ניט אַליין איינס, פון וואַנען ער איז געקומען, אויב איהר ווייסט נאָר וואוהין ער געהט... אָך... מיינע עלענדע... ער שטאַמט פון יענע לאַנד, פון וואַנען מיר זיינען אַלע, ער שטאַמט פון דעם פאָטערלאַנד פון אַלע ליידענדע... וואָס טראָגען אריבער הונגער און אָרימקייט... און שטרעבען שטרעבט ער צו דעם איינציגען פאָטערלאַנד פון די אַלע, וואָס האָבען נאָך אַ האָפנונג אויף דעם קומענדיגען גליק! (אַ בעוועגונג אין המון, די פנים'ער ווערען אַלץ רוהיגער און ליכטיגער).

פיעל שטימען. יע.. יע.. רייד נאָך!..

מאַדלענע. געהט איהר אויך אַהין!.. זשאַן ווייס די וועג אַהין!.. געהט... געהט נאָך איהם... און ניט נאָך די, וואָס זייערע הענד זיינען פערפלעקט מיט די בלוט פון די אומגליקליכע!.. געהט.. דער וועג איז אַ לאַנגער און אַ שווערער!.. איהר וועט הונגערטער

טאל פאלען, פערמאטערט, אויף די קניע, וואס מאכט דאס אויס!.. שטעלט זיך און געהט ווייטער.. יושר ווארט אויף אייך פאראויס!

דער המון. יע, יע..

א שטימע. ווארף אונז ניט אוועק.

א צווייטע שטימע. מיר וועלען געהן נאך דיר!..

א דריטע שטימע. מיר וועלען געהן נאך איהם!..

מאדלענע. אין שרעקט אייך ניט פאר'ן טויט.. קריעגט האלט דעם טויט.. דער טויט איז הויך... ער איז נייטווענדיג... געטליך... א, מען דארף שוין מעהר ניט קיין טרערען!.. אין די צייט פון די פיעלע יאהרהונדערטען, וואס איהר פערגיסט זיי, ווער האט זיי געזעהען, ווער האט זיי געהערט?.. גיט אוועק אייער בלוט.. איב די בלוט לייגט זיך אויף די פנים'ער פון די מערדער, ווי איין ניט פערוואשענער פלעק.. איז אבער אויף די פנימ'ער פון די, וואס געהען על קידוש השם, שיינט ער מיט שטראהלען פון דער אייביגער זוהן.. יעדער טראפען בלוט, וואס רינט פון אייערע אדערן... ועט שאפען העלדען, העלדישע קעמפפער. (זי ווייזט אויפ'ן צלם) א גאט!.. איך וואלט וועלען האבען טויזענדער לעבענס, כדי אלע פאר אייך אויעקצוגעבען, איך וואלט וועלען האבען טויזענדער בריסטער, אים אויסצורינען פון זיי מיט בלוט פון פרייהייט און-ליעבע אויף דער ערד, אויף וועלכער איהר לידעט (א שטארקע צורודערונג אין המון; התלהבות אויף די געזיכטער).

א שטימע. מיר זייגען אלע גרייט צום שטארבען... אלע גרייט צים שטארבען!

דער המון. יע... יע..

מאדלענע. ענדליך, דערקען איך אייך!.. און איך בין גליקליך... גליקליך! דאנו אלץ, וואס דא איז אקארשט פארגעקימען, איז צום גליק, געוועזן נאר דבורים, אבער איך דארף האבען מעשים..

דער המון. יע.. יע.. עס לעבע מאדלענע! עס לעבע מאדלענע!...

מאדלענע. שרייט ניט: „עס לעבע מאדלענע" איך בין דא נים מאדלענע!.. איך בין נאר די נשמה פון יענעם, וועלכען איהר האט מיט עטליכע מינוט צוריק געשראקען מיט'ן טויט!.. שרייט: „עס לעבע זשאן רול". דערווייזט מיר מיט דעם, אז איהר וויט איהם מוחל זיין צארן, אזוי ווי ער איז אייך מוחל אייער אונצוטרוי און אייער בעליידיגונג!..

דער המון. עס לעבע זשאן רול!.. עס לעבע זשאן רול! עס לעבע מאדלענע!.. (פיליפ אורטא שוויגט; זיין געזיכט איז אויסגעבריטט).

מאדלענע. (צו פיליפ'ען) און דו, פיליפ אורטא?

פיליפ אורטא. איך... ניין!.. (מאכט א צארנדיגע תנועה).

מאדלענע. (זאנפט) פיליפ אורטא... מיר קענען גוט איינע די אנדערע. אז איך בין געווען א קליינע, האסטו האלט געהאט צו שפאציערען מיט מיר... מיר האבען צוזאמען געבראדיעט איבער פעלדער.. איבער וועלדער.. און אויפ'ן בערג וועגן פלעגסטו אפ־רייסען בלומען, מיט וועלכע דו פלעגסט בעפוצען מיינע האר... אז אנדערע פלעגען מיר שלאגען, פלעגסט דו מיר בעשיצען... ווי א קליינער לייב.. דו ביזט געווע׳ן א מוטהיגער און א גוטהערציגער.. צו דען האסטו דאס פערגעסען?

פיליפ אורטא. (אין פערלעגענהייט) ניין, מאדלענע, איך האב ניט פערגעסען, אבער איצטער...

מאדלענע. (רייסט איהם איבער) איצטער ביזטו א גרויסער, א שטארקער בחור... און דיין הארץ איז געבליעבען די זעלביגע... א גוטע און א הייסע... ווי פריהער... נו, ווער גוטע פריינד מיט זשאן'ען און גיעב איהם דיין האנד.

פיליפ אורטא. מאדלענע.. מאדלענע.. פאדער דאס ניט פון מיר!

מאדלענע. (זעהר צארט) שטרעק איהם אויס די האנד! שטרעק איהם אויס דיין האנד!... איך בעט דיר דאס!..

דער המון. יע... יע... מאדלענע איז גערעכט!..

פיליפ אורטא. (קוויינקעלט זיך, אבער נאכהער גיעט ער זיך אונטער און גיט זשאן'ען די האנד) נו, גוט! (זיי קושען זיך. דער המון איז ענטציקט, אלע הענד זיינען אויסגעשטרעקט צו מאדלענען, אלע פנים'ער זיינען אומגעקעהרט צו איהר.

מאדלענע. זאל דאס זיין פאר א צייכען פון אלגעמיינעם שלום. זאל דאס זיין דער אנהויב פון אונזער פעראייניגונג, וואס פון היינט מאל אן וועט ער פון קיין זאך ניט קענען צושטערט ווערען! שווערט איך אויף דעם!..

דער המון. יע.. יע.. מיר שווערען אלע!.. עס לעבע מאדלענע!.. עס לעבע זשאן רול! עס לעבע דער שטרייק!

דער אלטער מאן. דו ביזט פאר אונז, ווי א אייגענע מוטער.. מאדלענע. (די התפעלות פון המון דערגרייכט דעם העכסטען פונקט; די פרויענצימער, וואס זיינען געזעסען אויף די טרעפּ־לאך, האבען זיך אויפגעהויבען און ציהען אויס זייערע קינדער צו מאדלענ'ען)

מאדלענע. (נאכדעם ווי די התפעלות פון המון ווערט אביסעל שטילער; האלט זשאן'ען פאר'ן האנד) איצטער געהט אהיים

געהט יעדערער צו זיך... (מיט די פרייע האַנד שהוט זי אַ מאַך צום שטאָדט צו, מיט אַ הילכיגע שטימע) און מאָרגען..

דער המון. יע.. יע.. יע!..

מאַדלענע. און צום טויט?..

דער המון. צום טויט... צום טויט! (ווידער אַ מורא'דיגע התפעלות).

מאַדלענע. בכן.. ביז מאָרגען... ביין פֿאַבריק... אַלע!..

דער המון. אַלע... עס לעבע דער שטרייק! (דער המון געהט זיך בּיסלעכוויז פֿונאַנדער איבּער אַלע וועגען, און שטעגלאַך).

דריטע ערשיינונג

מאַדלענע און זשאַן רול.

זשאַן רול און מאַדלענע בלייבען אויפ'ן בערגל, האַלטענדיג זיך פֿאַר די הענד. אַז דער המון איז זיך פֿונאַנדער געגאַנגען לאָזען זיי זיך פּאַמעלאַך אַראָפּ פֿון די טרעפּלאַך.

זשאַן רול. (ציהט זיך צו מאַדלענע'ן נעהמט איהר אַרום און ווייגט) דו זעהסט.. איצטער ווין איך אין דיינע אָרעמס... איך בּין דיין קלייניקער קינד...

מאַדלענע. איך ליעב דיר, מיין זשאַן!

זשאַן רול. פֿון וועלף האָסטו געמאַכט שעפּסען... פֿון טרויעריגע העלדען!.. און וואָס איז דער סוד פֿון דיין מאַכט?

מאַדלענע. איך ליעב דיר!..

זשאַן רול. זיי האָבען מיר געוואָלט צו הרג'נען, דו האָסט מיר אַרויסגעריסען פֿון טויט.

מאַדלענע. איך ליעב דיר!..

זשאַן רול. מאַדלענע... מאַדלענע!.. דו ביזט אַ פֿרויענצימער מיט אַ מעכטיגער אונערשרעקענדיגע האַרץ; דו ביזט איינע פֿון די אויסגעוועהלטע, וועלכע פֿלעגען אין די אַ מאָליגע דורות אַרויסגעהן פֿון פֿאָלק כדי אויפֿצולעבען אין איהם דעם פֿערלאָשענעם מוטה און אומקעהרען דעם אמאָליגען גלויבען... דו ביזט יענע...

מאַדלענע. (נעהמט אַרום זשאַן'ען און רייסט איבער זיינע ווערטער מיט קושען). יענע, וואָס האָט דיר האַלט, זשאַן... און מעהר גאָר ניט... (זיי געהען אַוועק אַרומגענומען און פֿערשווינדען אין וואַלד)

(דער פֿאָרהאַנג פֿאַלט).

פֿינפֿטער אקט.

אַ פלאַץ. אויפֿ'ן ערשטען אָרט, איבער די גאַנצע לייננ פֿון סצענע זעהט זיך אַ הויף, אַרומגעצאַמט מיט אַ נידעריגען מויערנעם פּאַרקאַן. פֿון אויבען אַ אייזערנע גראַטע. פֿיעל פֿון די שטיינגלאַך פֿון די גראַטע זיינען אויסגעריסען, פֿיעל זיינען צובויגען, און אין אָרט איז נאָך קאַנטיג דער צעטעל: „עס פֿערדינגט זיך אַ שפּייכלער". אין מיטען פּאַרקאַן א טויער, וואָס קומט אַרויס אויפֿ'ן פלאַץ. פֿון אַנדערן זייט פלאַץ אַ גאַס, וואָס פֿערליערט זיך אין דער ווייטענס; עק גאַס זעהט זיך די פֿערברענטע געביידע פֿון פֿאַבריק, וואָס רויכערט זיך נאָך אין הויף, אויף רעכטס אַ פּאַוויעטקע (אַ וועטער-דאַך, אַ דאַך אויף שלופּעס, אָהן ווענד. איבערז.), וואָס פֿערנעהמט אַ היבשען אָרט; אויף לינקס אונטער אַ אויסגעדאַרטען בוים שטעהט אַ ביינקל. אויף די הייזער איז קאַנטיג שפּורען פֿון דעם געשלעג, וואָס איז ניט לאַנג פּאַרגעקומען. די לאָדענס זיינען פֿערמאַכט, די פֿענסטער פֿון די קראָמען און קאַפֿע-הייזער זיינען דורכגעשלאָגען. אַ העלער זונענטאָג שיינט איבער די גאַנצע שטאָדט, אָבער אַרום איז אַלץ טונקעל, פֿערחשבט און אומעטיג, אַלץ איז דורכגענומען מיט שוואַרצע קויהלען-שטויב.

ביין אויפֿהויבען דעם פֿאָרהאַנג איז אויפֿ'ן פלאַץ פוסט. עס געהען דורך דורכ'ן סצענע לאַנגע שורות אַרעסטירטע שטרייקער אין קייטען, בעגלייט פֿון זשאַנדאַרען. אין דער צייט עפֿענען זיך אויף עטליכע לאָדענס און אין די פֿענסטער בעווייזען זיך צוטראָגענע אין נייגעריגע פּנים'ער. עטליכע קרעמער אַטוואַזשען זיך אַרויסצוגעהן אויפֿ'ן שוועל פֿון זייערע קראָמען נאָך דערשראָקענע און קוקען אין יענעם זייט, וואוהין מען האָט אַוועקגעפֿיהרט די שטרייקער. אויפֿ'ן הויף טראָגט מען אַריין צוויי נאָסילקעס, בעדעקטע מיט אַ גרויעם לייננוואַנד. די טרעגער נעהמען אַראָפּ די לייננוואַנד, לייגען אַוועק די טויטע קערפּערס אונטער'ן פּאַוויעטקע צוזאַמען מיט אַנדערע.

דער נייגיעריגער — ניט עפּעס אַ'אַרבייטער, ניט עפּעס אַ מיטעלער בעל-הבית — דערקלייבט זיך ביז'ן סאַמען טויער פֿון הויף און קוקט אַריין.

ערשטע ערשיינונג.

דער נייגיעריגער, פֿיער טרעגער.

דער נייגיעריגער. נו, וואָס, עס איז נאָך דאָ אַ פֿולע?...

דער ערשטער טרעגער. ביז אַ צעהנדליג וועט נאָך זיין.. דאָ זיינען דאָך מעהר ניט וויא טויטע...

דער נייגיעריגער. און וואָס איז מיט די פּעה־וואונדעטע?

דער 1 טרעגער. ווי האָט מען אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל.. אין פּאַפּ׳ס הויף, אויף׳ן הויף פון דער שטאָדט־אופּראַווע.. אומעטום...

דער 2 טרעגער. מען זאָגט, אַז פיערציג טויטע קער־פּערס זיינען געבליעבען אונטער די חורבות פון פאַבריק (ווייזט אויף׳ן פאַבריק). חוץ די, וואָס מען האָט אָפּגעשיקט אין זאַל פּאַנ־יע.. (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ). היינטיגען מאָל שוין ניט אויף צו טאַנצען?...

דער נייגיעריגער. איצט איז שוין געענדיגט, ניין אפשר?

דער 1 טרעגער. יע, מען זאָגט, ווי האָבען זיך אַלע אונטערגעגעבען...

דער נייגיעריגער. עס איז צייט.. (ווייזט אויף די טויטע). ווי די מעשה איז אַ מעשה, עס איז פאָרט אַ רחמנות צו קוקען אויף דאָס אַלץ...

דער 2 טרעגער. איך האָב זיי געזועהען אויף׳ן באַררי־קאָדע.. נעבען קלויסטער.. חוואַטסקע בחורים, זאָג איך אייך.. עס זיינען דאָרטען געווען אַ מאַן פינפהונדערט אויף׳ן באַררי־קאַדע.. און אפשר מעהרער.. אפשר זעקס הונדערט.. עס איז דאָרטען געוועזען אַזאַ טומעל, אַזאַ רוישענעס.. פריהער פון אַלעמען, מאַד־לענע און זשאַן רול, וואָס האָבען געקאָמאַנדעוועט איבער׳ן המון, יעדער מיט אַ רויטע פאָהנע אין האַנד. אַזוינע כוואַטעס, אַזוינע דרייסטע און מוטהיגע, אויף׳ן סאַמען הויכען אָרט.. און אָט, קומט אין מיטען צולויפען פערשאָפּעטערהייד.. די אויגען אויסגעשטאַר־צעט פון שרעק, הערר ראָבערט..

דער נייגיעריגער. ווער איז דאָס הערר ראָבערט?

דער 1 טרעגער. ראָבערט אַרגאַנד.

דער נייגיעריגער. דעםווירטה׳ס זוהן?

דער 1 טרעגער. נו, יע!..

דער נייגיעריגער. אַ... נו, נו, וואָס זשע איז מיט איהם?

דער 1 טרעגער. ער איז אויסער זיך.. וואַרפט זיך אַהער אַהין.. ווענדט זיך דאָ צו די מיליטער, דאָ צו די שטרייקער.. אָבער וואו! די סאָלדאַטען זיינען אפילו געשטאַנען ניט מעהר, ווי אייף 20 טריט פון די באַררי־קאַדען, אָבער אין טומעל און רעש האָט מען דאָרטען גאָר ניט געהערט.. פערשטעהט איהר מיך.. ראָבערט האָט דוכט זיך מיר אַז די, אַז יענע געשריען: „שטייט, שטייט!"...

דער נייגיעריגער. נו, און וואָס איז דאַן געוועזען?...

דער 1 טרעגער. דאָן פֿון די באַרריקאַדע האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ שאָס פֿון אַ פּיסטאָלעט... אין די מיליטער איז געפֿלויגער שטיינער.. שטיקער אייזען.. עס איז פֿון אַלץ געווען גענוג.. נו, נו!.. „מען דאַרף מאַכען צו דעם אַ סוף“ האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט.. און אַז ער האָט זיך דריי מאָל געווענדעט צום המון, האָט ער דערלאַנגט אַ קאָמאַנדע: „פּלי“... מאַדלענע.. זשאַן רול.. פֿאָהנען, העררר ראָבערט מיט פֿינף און צוואַנציג אָדער דרייסיג חברים פֿאַלען, אָבער די רייהען שליסען זיך ווייטער.. אַלע שרייען, ווי פֿערדולטע.. מען האָט אָנגעהויבען צו זינגען, און ווידער האָבען אָנגעהויבען צו פֿליהען שטיינער... איך זאָג, עס איז געווען ניט גרינג איינצונעהמען די מחיתים!.. (נעהמט אַראָפּ די היטעל און ווישט אָפּ דעם שטערן פֿון שוויים). גאָט מיינער, ווי הייס עס איז!.. (צום 2-טען טרעגער). גיעב מיר דיין פֿלעשעל.. (נעהמט די פֿלעשעל און טרינקט דורשטיג).

דער נייגיעריגער. הייסט דאָס.. העררר ראָבערט?..

דער 1 טרעגער. נו, יע! (מאַכט מיט'ן האַנד אויף יע און טהוט אָן די היטעל).

דער נייגיעריגער. מילעבען, דאָס איז שווער צו גלויבען... שווער צו גלויבען!..

דער בעל-הבית. וואָס זאָגט איהר?...

דער 1 טרעגער. מיר האָבען נאָך איהם ניט געזעהען.. פֿערשטעהט זיך, אַז ער קען ניט זיין זעהר צופֿריעדען!

דער נייגיעריגער. יע, יע.. פֿאַרשטעהט זיך.. און דעם קערפּער פֿון זיין זוהן האָט מען געפֿונען?

דער 1 טרעגער. ער איז מסתמא דאָרטען.. מיט די איבריגע. (דער נייגיעריגער קוקט אויף די פֿיער טרעגער, וואָס חויבען ווייטער אויף די נאָסילקעס און געהען אַוועק. אַ פֿרויענצימער מיט 2 קינדער פֿאַר'ן האַנד געהט פֿאַזע דעם פֿאַרקאַן).

צווייטע ערשיינונג.

מאַריאַננע, רענאָ, דער נייגיעריגער.

מאַריאַננע רענאָ. (צום נייגיעריגען). איך זוך מיין מאַן.. ער איז דאָ דאָ?

דער נייגיעריגער. (ווייזט אויפֿ'ן וועטער-דאַך). קוקט זיך דאָרטען איין, עלענדע פֿרוי. (געהט אַוועק אויפֿ'ן פּלאַץ).

מאַריאַננע רענאָ. (געהט איבער'ן הויף, וויינענדיג). מיין גאָט! (געהט אַוועק אונטערן וועטער-דאַך).

אויפ'ן פלאַץ ווערט לעבעדיגער. עס קומען צו פאַרביינגעהער; דער ניגיערינגער רופט זיי און דערציילט זיי צוטראַגען דאָס, וואָס ער האָט זיך אָקאָרשט דערוואוסט. עס בעווייזען זיך נאָך פרויען און וויינענדיג געהען זיי צום וועטער־דאַך.

דריטע ערשיינונג.

אַ פרוי, אַ קליינער אינגעל, דער נייגיעריגער.

דער קליינער אינגעל פיהרט פאַר'ן האַנד אַ ברעקעל קינד אַ ברודערל אין אַ לאַנגע קליידעלע.

דער קליינער אינגעל. (ווענדט זיך צום נייגיעריגען, מיט אַ רוהיגע און קלינגענדיגע שטימע). הערר, וואו זיינען דאָ די טויטע?.. (דער נייגיעריגער ווייזט אויפ'ן וועטער־דאַך. דער קליינער אינגעל געהט דורך דעם הויף און געהט אויך אַרונטער די פאַוויעטקע).

פיערטע ערשיינונג.

פרויען, די אַלטע קאַטיאַר, לואי טיער, נאַבהער מאַדלענע

די פרויען קומען איינע נאָך די אַנדערע. זיי געהען אַריין אויפ'ן הויף; איינינע מיט קינדער פאַר'ן האַנד; אַנדערע טראַגען ברוסט־קינדער אויף די הענד. איינינע דערקענגען צווישען די קערפערס זייערע מאַנען, זיהן, טאַטעס; קולות, יאָמערן. זיי שטעלען זיך אויף די קניע פאַר די טויטע און וויינען אויפ'ן קול.

עס געהט אַריין די אַלטע קאַטיאַר, אונטערהאַלטענדיג לואי טיער'ן. זי קוקט זיך אַרום. לואי טיער זעהט זיך אָן גאַר ווי אָהן כחות. ער איז איינגעהויקערט קוים וואָס ער געהט, און זיינע אויגען זיינען אַזוי ווי אויסגעלאָשען.

קאַטיאַר. אָט איז אַ ביינקעל.. דו ביזט פערמאַטערט.. זעץ זיך דאָ.. און וואַרט אויף מיר. (זעצט אַוועק טיער'ן אויפ'ן באַנק; דאָרטען זיצט שוין אַ אַלטינקע, אָהן רייד, פערשטיינערט, וואָס וואַרט אויך עפעס אויף וואָס).

טיער. (געהט צו צום באַנק). וואָס זאָגסט דו?.. מיר געהען אויפ'ן פאַבריק...

קאַטיאַר. (זעצט איהם אַוועק אויפ'ן באַנק גלייך מיט די אַלטע פרוי). קוקט אויף איהם. ביי איהם, מיין עלענדען, איז נע־באַך די קאָפּ ניט אויפ'ן אָרט... איך האָב איהם דאָך ניט געקענט לאָזען אַליין אין שטוב... (קוקט זיך אַרום). מיין גאָט!.. מיין גאָט!.. צו איז דאָס אַלץ טאַקע אמת?.. (די פרוי אויפ'ן באַנק ריהרט זיך ניט. קאַטיאַר געהט צום וועטער־דאַך).

טיער. (רעדט מיט זיך אַליין). וואָס רעדסטו פאַרט?.. (קוקט מיט אויגען, וואָס פערשטעהען גאַר ניט אויף דעם, וואָס קומט פאַר אַרום). אַך, יע, היינט איז דאָך דער אויסרעכענונג. (עס קומען נאָך פרויענצימער. דער הויף ווערט פול. מיט זיינע

אויסגעלאָשענע אויגען קוקט טיער איינינע מינוט אויף די פֿרויען־צימער, וואָס זיצט נעבען איהם. נאָכהער קעהרט ער אום די קאָפּ און זיצט ניט ריהרענדיג זיך, איינגעהויקערט. עס הערען זיך טענות, וויינען און קלאָגען פֿון די ווייבער).

קאַטיאַר. (אונטערן וועטער־דאַך צווישען אַלע פֿרויען, שרייעט הויך). דאָס איז מאַדלענע.. מאַדלענע!..

לואי טיער. (ביי דעם נאָמען „מאַדלענע" קעהרט ער אום די קאָפּ צו די אַלטע, וואָס זיצט נעבען איהם). מאַדלענע!.. וואָס רעדסטו דאָס?.. פֿאַר וואָס זאָגסטו, אַז דאָס איז מאַדלענע... דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז דו ביזט ניט מאַדלענע... (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און זינקט איין אין די פֿריהערדיגע פּאָזע).

קאַטיאַר. (אונטער'ן וועטער־דאַך). זי איז ניט געשטאָר־בען.. מאַדלענע איז ניט געשטאָרבען.. (די פֿרויען וויינען). איהרע ליפּען ריהרען זיך.. איהר האַרץ קלאַפּט נאָך.. (זי וויל אויפֿהוי־בען מאַדלענען, די פֿרויען וויינען). נו, העלפֿט זשע מיר, העלפֿט! (קיין איין פֿרויענצימער ריהרט זיך ניט). איך בין צו אַלט.. איך האָב קיין כחות ניט.. (קיינער ריהרט זיך ניט). אָבער העלפֿט מיר! איך זאָג אייך דאָך, אַז זי איז ניט געשטאָרבען! (צום סוף, פֿון די פֿרויען, וואָס האָבען קיינעם ניט געפֿונען צווישען די טויטע, גע־העז איינינע צו העלפֿען די אַלטע קאַטיאַר. זיי הייבען אויף מאַדלע־נען, וואָס איהרע האָר זיינען פֿערבלוטיגט). איהר זעהט.. זי עפֿענט אויף די אויגען... מען טאָר איהר ניט לאָזען דאָ.. לאָמיר איהר אַוועקטראָגען צום באַנק.. (מיט גרויס מאַטערנים טראָגען זיי איהר צום באַנק. די אַלטע, וואָס איז דאָרטען געזעסען, שטעלט זיך, ניט קוקענדיג אויף זיי, און געהט אַוועק ווי ניט איהר דאגה).

לואי טיער. (בלייבט זיצען, איינגעהויקערט, מיט אויגען אויסגעשטעלט צו דער ערד. די פֿרויען האַלטען צו מאַדלענען אויפֿ'ן באַנק). מאַדלענע!.. מאַדלענע!..

לואי טיער. (ביי דעם נאָמען מאַדלענע הויבט ער אויף די קאָפּ, קוקט אַווילע אויף זיין מאַמעס און דערקענט איהר ניט; קוקט אויפֿ'ן הויף, וואו עס איז פֿול מענשען). דאָס איז דער אויס־רעכענונג!.. (פֿאַלט אַריין אין פֿריהערדיגען געדריקטען מצב).

קאַטיאַר. זי קומט צו זיך! (מאַדלענע גיעט אַ זיפֿץ און איהר ברוסט הויבט זיך אויף). זי איז פֿערוואונדעט אין קאָפּ.. אָבער דער וואונד איז ניט קיין טיפֿער.. די נייגיעריגע, וואָס קו־קען דורכ'ן גראַטע). ברייגנט וואַססער! (איינער פֿון די נייגיעריגע געהט און ברייגנט אַ האַנדטוך און אַ כלי וואַססער). ווי איהרע האָר זיינען צוגעקלעפּט! (צו די פֿרויען). שפּילעט איהר אָפּ דעם לייבל.. (די אַלטע קאַטיאַר בינדט איבער מאַדלענעס וואונד). מאַדלענע!..

מאדלענע!.. דאס בין איך!.. (אין די מינוט געהט אריין אַ גאַנד; זיין געזיכט איז אויסגעקרימט פון צרות; נאָך איהם געהט מעגרע און איינגע בעדיענטע אויפ'ן פאַבריק).

פינפטע ערשיינונג.

די זעלבע, אַרגאַנד, מעגרע און נאָך.

אַרגאַנד. (לויפט צום וועטערדאַך) מיין זון!.. מיין זון!..

מעגרע. (געהענדיג נאָך איהם) הערר אַרגאַנד!.. הערר אַרגאַנד!..

קאַטיאר. מאַדלענע!.. מאַדלענע!.. דאָס בין איך!.. איהר דערקענט מיך? (די אַלטע קאַטיאַר בינדט ווייטער מאַדלענעס וואונד. מאַדלענע זיפצעט זיך אָפּ שווער און לאַנג. די ווייבער בויגען זיך איין איבער איהר און האַלטען איהר צו די קאָפּ)

אַרגאַנד. (קעהרט זיך אום פון וועטערדאַך) וואו איז ער?.. וואו איז ער?..

מעגרע. מען האָט אייך אָפּגענאַרט, הערר אַרגאַנד!.. איך בין איבערציינגט, אַז דער הערר ראָבערט איז צו הויזע

אַרגאַנד. ניין!.. ניין!.. ער איז ענטלאָפען פון שטוב, ווי אַ משוגע'נער, מען האָט איהם געזעהען אויפ'ן באַרריקאַדע... איך זאָג אייך, אַז מיין זון איז דערהרג'עט.. דער'הרג'עט!.. (די פרויען וויינען אויפ'ן קול; קיינער קוקט גאָר ניט אויף אַרגאַנד'ן)... ראָבערט איז געשטאָרבען!.. און איך האָב דאָס, איך האָב דאָס איהם צוגע'הרג'עט!.

מעגרע. איהר טאָרט דאָ ניט בלייבען, הערר אַרגאַנד!.. דאָס איז אונזיכער!..

אַרגאַנד. (ווייזט אויף די וויינענדיגע פרויענצימער) אָט זיי בלייבען דאָך דאָ!..

מעגרע. אָבער ווען אייער זון וואָלט געווען צוגע'הרג'עט וואָלט מען איהם דאָך געבראַכט צו אייך. לאָמיר געהן!

אַרגאַנד. ניין!.. ניין!.. (צום המון) צו האָט ווער ניט געזעהען מיין זון? (אַ שווייגען) (די ווייבער וויינען אונטערן וועטערדאַך). ענטפערט, ענטפערט, איך בעט אייך!.. מיין זון!.. (אַ שווייגען) איהר, וואָס וויינען, הערט מיר אויס!... איהר מוטערס, וואָס האָבען פערלאָרען זייערע קינדער!.. איהר, אַלמנות, הערט מיר אויס!.. אַלץ, וואָס געהערט מיר, גיעב איך אייך אָוועק... מיין גאַנצען פערמעגען... גיעב איך אייך אָוועק.. מיין לעבען גיעב איך אייך אוועק.. נאָר זאָגט מיר.. זאָגט מיר, וואו איז מיין זון? (אַ שוויי-

גען און וויינענדיגע קולות. מאַריאַנע רענא געהט אַרויס פֿון וועטערדאַך. אַרגאַנד וויל איהר נעהמען פֿאַר'ן האַנד).

אַרגאַנד. דו... מאַריאַנע... דו... צו האָסטו געזעהען מיין זון? זאָג מיר! (מאַריאַנע שטויסט איהם אָפּ, ניט אָנקוקענדיג איהם, רוקט זיך אָפּ און געהט אַוועק) עס איז ביי קיינעם ניטאָ קיין רחמנות... ניטאָ קיין רחמנות!..

מעגרע. (וויל איהם אַוועקפֿיהרען) הערר אַרגאַנד!.. הערר אַרגאַנד!..

אַרגאַנד. (געהט איבער'ן הויף, געהט צו צום באַנק, וואו ער זעהט מאַדלענען, בלייך ווי דער מלאך המות און מיט אַ פֿערבלוטיגטען שטערן). מאַדלענע!.. אָ!.. (ער שטעלט אַ טריט צוריק און אַזוי ווי ער וואָלט צום ערשטען מאָל דערזעהען דעם הויף, די ווייבער, וואָס שטעהען אויף די קניע, די טויטע קערפּערס. ער פֿערשטעלט איך עטליכע ווילעס די אויגען מיט די הענד, כדי ניט צו זעהען דעם גרויל). אָ!.. אָ!.. אָ!..

קאַטיאַר. מאַדלענע!.. מאַדלענע!.. דאָס בין איך!..

מאדלענע. (עפֿענט די אויגען, ביסלעכווייז ערוואַכט זי ווי פֿון א לאַנגען און א ליידענשאַפֿטליכען שלאָף, קוקט ארום זיך, פֿערשטעהט קיין זאך ניט און ווייס ניט, וואו זי איז. ביסלעכווייז הויבט זי אן ניט קלאהר צו דערמאַהנען זיך אן אלץ, וואס עס איז פֿארגעקומען, שטיקלאַך ערינערונגען שטעלען זיך פֿאַר איהר, אין איהרע אויגען בעווייזט זיך אַנ'אויסדריק פֿון א אלץ גרעסערען פֿערשטעהן די ווירקליכקייט. זי פּרובט זיך געבען א ריהר, הויבט אויף די האַנד, אויף איהר האַנד איז א בלוטיגער פֿלעק, זי קוקט אויף די בלוט, אבער זי פֿערשטעהט נאך אלץ ניט, וואס בעדייט דאס. איהר האַנד לאזט זיך אראפּ אין אָהנמאַכט).

קאַטיאַר. מאַדלענע... מאַדלענע... דאָס בין איך!..

מאַדלענע. (קוקט לאַנג, ניט אַראָפּנעהמענדיג די אויג, אויף די אַלטע קאַטיאַר, דערקענט איהר; זי רעדט זעהר שטיל, קוים וואָס מען הערט) באָבינקע קאַטיאַר! (קוקט אויפ'ן פֿאָטער, וואָס זיצט אויפ'ן באַנק און דערקענט איהם. מיט אַ מעהר זיכערע און טרויעריגען שטימע) פֿאָטער... פֿאָטער!.. (קוקט אויף אַרגאַנד'ן וואָס שטעהט פֿאַר איהר און דערקענט איהם. זי טהוט אַ ציטער און מיט אַ לייכטע בעוועגונג טרייסעלט זי זיך אַזוי ווי אָפּ פֿון איהם). ער... אָ!.. (קוקט זיך אַרום, זעהט פֿרויענצימער, וואָס שטעהען אויף די קניע) וואָס איז דאָס?... פֿאַרוואָס... פֿאַר וואָס וויינען זיי?.. (איהר געדאַנקען אַרבייט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. זי דערמאָהנט זיך פֿון אַלץ, אויף איהר געזיכט ליגט בעוואוסטזיין און אַנ'אויסדריק פֿון גרויזאַמקייט. דערזעהענדיג דעם וועטערדאַך מיט

די טויטע קערפערס, דערלאַנגט זי הויך אַ געשריי „אָ!“ מיט אַ אויסדרוק פון שרעק פאַלט זי ווידער אַנידער אויף די הענד פון די פרויענצימער און אייניגע מינוטען טהוט זי זיך ניט קיין ריהר; עס הערט זיך איהר פייפענדיגע כריפענדיגע אטהעמען).

קאַטיאַר. מאַדלענע!.. מאַדלענע!.. האָט קיין מורא ניט. מיר זיינען דאָ אַלע מיט אייך... די אַלטע קאַטיאַר... איהר קענט מיר גוט... אייער אַלטע שכנ'תע... מיין קליינע מאַדלענע!..

מאַדלענע. (ציטערט נאָך באַבינקע קאַטיאַר!.. יע... איך דערקען אייך!.. דאָס זייט איהר... און דעם עלענדען פאָטער.. אויך.. איך דערקען איהם... איך דערקען אייך אַלעמען... (צוטראָגען) און זשאַן... וואו איז זשאַן? (אַרגאַנד געהט צו).

קאַטיאַר. מיר וועלען איהם באַלד אויפזוכען...

מאַדלענע. פאַר וואָס איז ער דאָ ניטאָ מיט אייך?.. פאַר וואָס איז ער ניטאָ?..

קאַטיאַר. מאַדלענע... איהר טאָרט זיך ניט בעאונרוהיגען.

מאַדלענע. זשאַן!.. איך וויל זעהען זשאַן'ען!..

קאַטיאַר. מיר וועלען באַלד... אייך צו פיהרען צו איהם.

מאַדלענע. (פלוצלונג מיט אַ געשריי) זשאַן איז געשטאָרבען!... זשאַן איז דער'הרג'עט!... איך געדיינק... (זי וויל זיך שטעלען) לאָזט מיר... לאָזט מיר... איך געדיינק אַלץ, אַלץ... (ניט קיקענדיג אויף דעם בעטען זיך פון קאַטיאַר און פון די איבריגע פרויען שטעלט זי זיך).

אַרגאַנד. מאַדלענע!

קאַטיאַר. (צאָרניג אָפּשטויסענדיג אַרגאַנד'ן) שווייגט! איהר זעהט ניט, אַז זי איז נאָך האַלב-טויט!...

אַרגאַנד. (איינגעשפּאַרט און מיט אַ געבעט) מאַדלענע.. איך האָב איצטער פערלאָרען גאָר מיין גאוה... איך בין אַ אָרימער מענש... איך בין אַ קליינער, אַ גאָרנישטיגער מענש... און דו האָסט דיך אַלץ דערכאָהנט.. זאָג מיר... זאָג, וואו איז ראָבערט

מאַדלענע. און דו... זאָג מיר, וואו איז זשאַן?... זאָג מיר, וואָס האָסטו געטאָהן מיט זשאַנ'ען?.. מערדער... מערדער... (מעגרע און אַנדערע מישען זיך אריין, פיהרען אַוועק אַרגאַנד'ן. אין די מינוט טראָגט מען אריין צוויי נאָסילקעס. די טרעגער שרייען: „אָן זייט!... לאָזט...“

זעקסטע ערשיינונג.

די זעלבע, די טרעגער.

ארגאנד ווארפט זיך צו די נאסילקעס, די פ׳ויען גיבען זיך אויף א ווארף צו זיי און רינגלען זיי ארום, מעגרע און די אנדערע אוילען אפשטופען די מאסע און בעשיצען ארגאנד׳ן. מאדלענע טרייסעלט זיך אין גאנצען. שטיל קרעכצענדיג געהט זי צו, אנגעשפארט אויף די ווייבער צו די נאסילקעס, פון וועלבע זי לאזט ניט אראב קיין אויג.

ארגאנד. (הייבט אויף די ליינוואנד פון די ערשטע נאסילקע, מיט א הויכען געשריי) א!.. ראבערט... מיין זון... (פאלט אויפ׳ן קערפער פון זון) ראבערט!.. ראבערט!..

מאדלענע. (געהט צו) עלענדער! (פלוצלונג מיט א שטארקען אימפעט רייסט זי זיך ארויס פון די פרויען און שאקלענדיג זיך, ווארפט זי זיך צו די צווייטע נאסילקע, (רייסט אפ דעם ליינוואנד) זשאן!.. דו... דו.. (פאלט אויפ׳ן נאסילקע, הייבט אויף זשאן׳ס קאפ און קושט איהם וואהנזיניג. די פרויען געהען אוועק דערקוויקענדיג זיך, אז אויף די נאסילקעס איז ניטא קיינער פון זייערע נאהענטע; אנדערע וויינען נאך אונטערן פאוויעטקע. די קולות און די געוויינען פון ארגאנד׳ן. ארום ארגאנד׳ן שטעהען מעגרע און אנדערע בעדיענטע אויפ׳ן פאבריק. ארום מאדלענען שטעהען די אלטע קאטיאר און ארויען).

מאדלענע. (גלייכט זיך פלוצלונג אויס און לייגט די הענד זיך אויפ׳ן בויך) וויינט ניט... איהר אלע דארטען!.. הערט מיר אויס! מען דארף ניט וויינען! מיין קינד לעבט נאך!.. איך האב דערפיהלט אין זיך זיין ריהרען זיך... ער לעבט... ער לעבט!.. און איך וויל איך לעבען!.. איך וויל לעבען צוליעב איהם... וויינט ניט!.. אלמנות, מוטערס, דערשלאגענע פון אומגליק... איהר... ביי וועמען עס איז אלץ אפגענומען געווארען!.. איהר ביי וועמען מען האט צוגע׳הרג׳עט די, וואס זיינען אייך טייער... איהר הערט מיר אויס?.. (קיין פרויענצימער טהוט זיך ניט א ריהר) איהר הערט מיר אויס?.. (די פרויענצימער שווייגען) איך זאג אייך, אז מיין קינד איז נאך ניט געשטארבען... אז דאס קינד פון זשאן רול׳ען איז נאך ניט געשטארבען!.. (קיין פרויענצימער ריהרט זיך ניט) איהר הערט מיר?... (א שווייגען) איך זאג אייך, אז איך וויל לעבען, אז איך וויל איהם אויסהאדעווען אויף נקמה!.. (קיין פרויענצימער טהוט זיך ניט א ריהר) איהר הערט מיר?.. (די פרויענצימער שווייגען).

מעגרע. הערר ארגאנד... מען דארף אוועקטראגען דעם הערין ראבערט אין פאלאץ.

ארגאנד. (וויינט און לאזט זיך פיהרען), ווי א קליין־קינד) מיין זון! מיין זון!..

מענגרע. (הייבט אויף ארגאנד'ן בעדעקט, די נאסילקע מיט דעם ליינוואנד; זאגט די טרעגער) אין פאלאץ!

מאדלענע. (ווארפט זיך אויף מעגרע און שטויסט איהם אפ) ריהרט זיך ניט צו צו איהם! דער איז ניט אייערער.. ער געהערט ניט צו אייך!.. ער איז אונזערער (צו די טרעגער) אין קופע, אין קופע, אין קופע!.. (קעהרט זיך אים צו די נאסילקעס, אויף וועלכע עס ליגט זשאן'ס טויטער קערפער און פרובט נאך ריידען) איך וועל לעבען... איך (די בלוט, וואס דערלאנגט א גאס ביי איהר פון האלז, שטיקט איהר. זי שאקעלט זיך און פאלט אנידער אויפ'ן קערפער פון איהר געליעבטען).

לואי טיער. (קוקט אויף אלץ מיט אויסגעלאשענע אויגען). דאס איז דער אויסרעכנונג!..

ענדע